# א רייזע צו דער לבנה



5577 S.H.
COLORED PLATES

ISBN:0-657-07781-X

פון אידאַ גלאַזער

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/rayzetsuderlevon00glas

NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07781

# A RAYZE TSU DER LEVONE

## Eda Glasser

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Ruth and Al Sporer*
*In memory of Sonya Altman; Betty Aronow; Sol & Clara Sporer*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אידאַ גלאַזער

# א רייזע צו דער לבנה

ניו-יאָרק, 1940

# A VOYAGE TO THE MOON by EDA GLASSER

דאָס בוך איז ארויסגעגעבן פון דעם אידא גלאזער בוך קאָמיטעט

אילוסטרירט פון
נאָטע קאָזלאָווסקי

Copyright 1940, by Eda Glasser, New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

מיין זון לייבעלען
א מתנה.

ביכער פון דער זעלבער אויטאָרין:

„אין האַלב־שאָטן" (לידער)

„יונג־לעבן" (קינדער־לידער)

„אין פעלד" (קינדער־לידער).

# אינהאַלט:


אַ רייזע צו דער לבנה — 7

דאָס וואַלד-הויז — 17

די מעשה פון קעניג-טשיק — 28

די מעשה פון אַ פייגעלע-טריק און אינגל-יאַט — 42

דער לופט-שווימער — 55

לעקיש פיקאַטשאָ — 61

פרינצעסן עלעקטראַ — 70

די מעשה וועגן די דריי פיקסעלעך און שיין-מיידעלע — 85

פאַרן שלאָפן גיין — 90

די מעשה מיט צוויי בערן — 98

דאָס אָרימע קעצל — 104

די רייזע אין אַ וואָלקן-שיף — 111

# אַ רייזע צו דער לבנה

## 1

אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק האָט געוואוינט א אינגל מיטן נאָמען בערל.

זיין מאַמע פלעגט אים אלע מאָל לייגן שלאָפן גלייך מיט דער זון, ווייל בערל האָט געהאט אַ טבע אויפצוכאַפּן זיך פון שלאָף אויך גלייך מיט דער זון.

דעריבער, באַלד ווי די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער די בוימער, אָדער הינטער די הויכע מויערן ביים ראַנד פון הימל, האָט מען בערלען אויך גענומען גרייטן אין בעט אריין.

איינמאָל, אַ שבת פאַרנאַכט, האָט זיך אזוי געטראָפן אז זיינע טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט א סך געסט אין הויז און מען האָט בערלען ניט געקאָנט לייגן שלאָפן אין צייט. בערל האָט זיך זייער דערפרייט, ווייל ער האָט פיינט געהאַט צו גיין שלאָפן פרי. איז ער שטילערהייט ארוים אין גאַס זיך שפילן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז ער געווען אינדרויסן ווען עס איז שוין געווען גוט פינסטער.

זיצט ער אזוי אויף ד טרעפ פון זיין הויז און קוקט זיך ארום. דערזעט ער פלוצים ווי עס צינדן זיך פייערלעך אין די לאָמפּן אויף די סלופּעס! זיי צינדן זיך אָן פון זיך אליין. אזוי ווי ער האָט עס געזען צום ערשטן מאָל האָט ער עס באוואונדערט און גענומען זיך איינקוקן אויף די ליכטיקע לאָמפּן.

זעט ער, סע ווערט א ראָד ארום די פייערלעך, פאַרזשמורעט ער אביסל די אויגן, דערזעט ער עס נעמען זיך אויסציען א סך שטראַלן

פון די פייערלעך — לאַנגע, און קורצע, און נאָך לענגערע און גאָר קורצינקע, און די שטראַלן זיינען אין פאַרשידענע קאָלירן. האָט זיך בערל זייער דערפרייט און גענומען זיך מיט זיי שפּילן.

ער האָט גענומען די לאַנגע שטראַלן און זיי צוגעבונדן צו די נאָך לענגערע, און געמאַכט אַ גאָר לאַנגע קייט פון זיי. דערנאָך האָט ער גענומען די קורצערע און קלענערע שטראַלן און זיך מיט זיי אויך געשפּילט.

זיצט בערל אַזוי און טראַכט: וואָס מאַכט מען פון זיי? פאַלט אים איין אַ געדאַנק: „אָט וועל איך גאָר מאַכן אַ לייטער". און טאַקע באַלד האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אַריינ־געפלאָכטן די קורצע שטראַלן אינדערמיט פון די לאַנגע שטראַלן, די קורצע אינמיטן, די לאַנגע פון ביידע זייטן, און געמאַכט טרעפּ־לעך, און ווען ס'איז געוואָרן אַ לייטער — האָט ער גענומען אויף אים קלעטערן.

האָט ער אַזוי געקלעטערט און געקלעטערט, ביז ער האָט שוין גאָרניט געזען אויף דער ערד. די שטערן אין הימל זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער, און די לבנה — גאָר, גאָר אַ גרויסע. איז עס בערלען זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט גענומען קלעטערן נאָך העכער, ביז ער איז געקומען אויפן שפּיץ לייטער און האָט שוין מער קיין שטראַלן פון די לאָמפּן ניט געהאַט. האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפן העכסטן שטאַפּל פון לייטער און גענומען טראַכ־טן: וואָס טוט מען ווייטער? זיצט ער אַזוי און קוקט זיך איין אין די שטערן, קוקט זיך איין אין דער לבנה. פאַרזשמורעט ער אַביסל די אויגן — ערשט עס נעמען זיך ציען שטראַלן פון די שטערן און פון דער לבנה. טראַכט בערל: אַיי גוט! איצט קען מען אַרבעטן ווייטער! ער האָט זיך אַזוי שטאַרק דערפרייט, אַז ער איז אַזש אונטער־געשפּרונגען אויף זיין טרעפּל און איז שיר ניט אַרונטערגעפאַלן פון לייטער. ער האָט זיך גלייך אַ נעם געטאָן פלעכטן לבנה־שטראַלן מיט שטערן־שטראַלן און זיי גוט צוגעבונדן צו זיין לייטער, און אויף דעם נייעם לייטער האָט ער גענומען קלעטערן גלייך צו דער לבנה.

אַזוי איז ער געגאַנגען העכער און העכער, און די לבנה איז גע־וואָרן גרעסער און ליכטיקער. פּלוצים האָט ער דערהערט געשרייען:

„מיר זעען אים שוין גוט! אָט איז ער שוין באַלד דאָ! אָט איז ער שוין דאָ!"

בערל האָט דערזען אַז ער איז שוין אויף דעם לעצטן טרעפּל פון זיין נייעם לייטער אויך, און אַז ער איז שוין גלייך ביי דער לבנה. האָט ער זיך דערשראָקן פאַר די געשרייען און איז שיר ניט אַרונטער־געפאַלן. אָבער גלייך האָט ער דערפילט ווי שטאַרקע הענט האַלטן אים צו און לאָזן אים ניט פאַלן. פאַרקערט, זיי נעמען אים אַרונטער פון לייטער און שטעלן אים אַוועק.

האָט זיך בערל גענומען אַרומקוקן. זעט ער: עס שטייען אַרום אים אַ סך דערוואַקסענע און אַ סך קינדער — אַלע אַזעלכע מאָדנע, ער האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכע מענטשן ניט געזען: אַזעלכע בלייכע פּנים'ער מיט בלוילעכע ליפּן, און די אויגן זיינען ביי זיי גרינלעכע, אָדער בלוילעך־גרין. די מענטשן — אַ סך פון זיי ריזיק־גרויסע, און אַ סך — גאָר קליינינקע, ווי קאַרליקלעך, וואָס ער האָט אַמאָל געזען אין די מואווים.

— „ער איז דער ערשטער ערדישער מענטש וואָס איז אַרויף צו אונדז אין לבנה־לאַנד!", האָבן די מענטשן אַרום אים געטומלט. „לאָזט, לאָזט!", האָבן זיך די מענטשן געשטופּט, און געהויבן קינדער אויף די אַקסלען, „מיר ווילן אים אַלע זען! לאָזט אונדז!"

2

די לבנה־מענטשן האָבן פאַר בערלען געמאַכט אַ גרויסן פּאַראַד און אים אַרומגעפירט און געוויזן דאָס לבנה־לאַנד. אַ סך מענטשן האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַזעלכע מעטאַלענע וואָגנס אָן פערד און אָן מאָטאָרן. זיי האָבן אַ דריי געטאָן אַ ווייזער אויף אַ גרויסן, גרויסן זייגער, און די וואָגנס האָבן זיך גלייך אויפגעהויבן און גענומען זיך טראָגן אינדערלופטן צו פאַרשידענע פּלעצער.

וואונדערט זיך בערל און ער פרעגט: „ווי אַזוי פאָרט עס דער וואָגן אָן פערד, אַז קיין אינדזשין, ווי ביי אַן אויטאָמאָביל, האָט ער ניט?" האָבן די לבנה־מענטשן אים דערקלערט, אַז אין לבנה־לאַנד

איז פאַראַן אַזאַ מין מאַגנעט וואָס ציט דעם מעטאַל פון די וואַגנס. איבערן לאַנד זיינען פאַראַן פארשידענע סטאַנציעס מיט דעם דאָזיקן מאַגנעט. די ווייזערס פון דעם גרויסן זייגער און פון א סך אַזעלכע זייגערס אין פארשידענע פלעצער זיינען פאַרבונדן מיט פארשידענע סטאַנציעס. אַז מע וויל פאָרן צו אַ געוויסן פלאַץ, טוט מען אַ דריי אַזאַ ווייזער וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ סטאַנציע פון יענעם פלאַץ, שיקט די סטאַנציע ארויס דעם מאַגנעט און ער ציט דעם וואָגן".

אזוי האָט מען בערלען ארומגעפירט צו די בערג און די טאָלן, צו טייכן און וועלדער. די וועלדער זיינען פול מיט חיות און פויגל. עפּעס אַזעלכע מאָדנע באַשעפענישן זיינען די חיות. אַפּילו אין זאָאָ־לאָגישן גאָרטן האָט ער אַזעלכע ניט געזען: חיות מיט לאַנגע העלדזער און קליינינקע קעפּעלעך און לאַנגע, לאַנגע עקן. אַנדערע מיט ריזיקע קעפּ און קורצע גראָבע פיס. אייניקע חיות האָבן געהאַט אַ סך קעפּ און פונקט צוויי מאָל אזוי פיל פיס. און פיש האָט בערל געזען, מיט אַ סך אויגן, און פיש מיט פיס, און פיש וואָס האָבן אויס־געזען ווי שטערן.

די בוימער אין וואַלד זיינען מייסטנס געוועזן פון אייז, און עס וואַקסן אויף זיי אייז־פּרוכטן, זיס ווי צוקערקעס און קאַלט ווי „אייז־קרים". א סך בוימער און קוסטעס האָבן זילבערנע בלעטער, און אפן הימל זעען זיך שטענדיק גרויסע רעגנבויגנס. ארום דער לבנה דרייען זיך פארשידענע שטערן, אַזעלכע גרויסע און נאָך גרעסערע און קלע־נערע, געלע און גרינע און רויטע און בלויע. און די צייט גייט דאָרט פאַרביי אַנדערש, גאָר ניט ווי ביי אונדז אויף דער ערד, נאָכן זייגער נאָך. די שעה'ען זיינען דאָרט גוואַלדיק לאַנגע, ווי ביי אונדז א גאַנ־צער טאָג. איין שעה איז דאָרט רויט, אַן אנדער שעה איז געל, נאָך אַן אנדער שעה — גרין, אָדער וויאָלעט, אָדער בלוי.

און מאָדנע קוקן אויס די מענטשן אין יענע שעה'ען: ווען דאָס ליכט איז רויט, זעען די מענטשן אויס רויטלעך; ווען ס'איז גרין — זיינען זיי גרינלעך; ווען די שעה איז געל, אָדער וויאָלעט — קוקן די לבנה־מענטשן אויס ווי דער קאָליר פון דער שעה.

אין דער בלויער ליכט שלאָפן די מענטשן. אין דער געלער ליכט שטייען זיי אויף, טוען זיך אָן און עסן פרישטיק. ווען דאָס ליכט

ווערט גאָלדיק-געל — ארבעטן זיי און דערנאָך עסן זיי מיטיק.

אין דער גרינער ליכט רוען אַלע פון דער ארבעט, און ווען עס ווערט וויאָלעט — פאַרווײַלן זיי זיך. זיי שטעלן אָן די ראַדיאָס און הערן זיך צו צו דער מוזיק פון פארשידענע גרויסע שטערן: ווילן זיי הערן די מוזיק פון מאַרס — שטעלן זיי אָן די ראַדיאָ אויף דער מאַרס-סטאַנציע. ווילן זיי הערן די מוזיק פון יופיטער — שטעלן זיי אָן די ראַדיאָ אויף יופיטער-סטאַנציע. און די מוזיק איז שטאַרק און הויך, און דאָך אזוי זיס, אַז דאָס האַרץ צעגייט זיך אַזש פון גוטס׳קייט.

בערל האָט געקוקט אויף אַלץ ארום און געגאַפט. און די אויגן ביי אים זיינען אַלץ אָפענער און גרעסער געוואָרן פון גרויס וואונדער.

פרעגן אים די לבנה-מענטשן:

— „נו, ווי געפעלט עס דיר עפּעס ביי אונדז אין לבנה-לאַנד? איז עס אזוי ווי ביי אייך אויף דער ערד?״

— „ניין״, זאָגט בערל, „זייער ווייניק זאַכן זיינען ווי ביי אונדז אויף דער ערד. אפילו די חיות אין אונדזער זאָאָלאָגישן גאָרטן זיינען אויך ניט אַזעלכע ווי ביי אייך. און די מענטשן אויך ניט. און די בוימער האָבן ביי אונדז ניט קיין זילבערנע בלעטער; און די פרוכטן זיינען ניט קיין קאַלטע, סיידן מע האַלט זיי אין אייז-קאַסטן״.

— „נו, זאָג-זשע אונדז, אינגעלע, ווי אזוי קוקט אַלץ אויס ביי אייך אויף דער ערד?״ — רופט זיך אָן א גרויסער ריזיקער מאַן.

הויבט אויף בערל צו אים דעם קאָפּ, שטעלט זיך אויף די שפּיצן פינגער און זאָגט: „איך ווייס ניט ווי אזוי צו זאָגן, אָבער איך קען צייכענען און מאָלן. גיט מיר פּאַפּיר און פאַרב, וועל איך אייך ווייזן״.

טראָגן זיי אים באלד צו זילבערנע טאָוולען און זאָגן, אז אויף דעם צייכנט מען. האָט בערל פאר זיי געצייכנט די ערדישע חיות און פייגל און מענטשן. און ער האָט פאַר זיי געמאָלן די בוימער מיט זייערע נאַטירלעכע פאַרבן פון גרין און ברוין און גרוי.

האָבן זיך די לבנה-מענטשן געוואונדערט און עס האָט זיי אויס-געקוקט זייער קאָמיש.

פרעגט בערל: „קענט איר אויך מאָלן בילדער פון אייערע חיות און פייגל, און פון אַלע שיינע פּלעצער ביי אייך אין לבנה-לאַנד?״

— „זיכער קענען מיר מאָלן!״ רופט זיך אָן דער הויכער מאַן, און

צעשמייכלט זיך מיט אַזאַ ברייטן שמייכל, „און מיר האָבן טאַקע אַ סך בילדער פון אונדזער לאַנד. ווילסט אַ פּאָר בילדער אַ מתּנה?"

— „יאָ, יאָ!" דערפרייט זיך בערל שטאַרק. „איך האָב טאַקע זייער ליב בילדער פון דער לבֿנה. איר וועט מיר געבן אַ סך, יאָ?"

— „וויפיל דו קענסט נאָר פאַרטראָגן!" צעלאַכט זיך דער מאַן, און טאַקע באַלד ברענגט ער בערלען עטלעכע בילדער, געמאָלן אויף זילבערנע טאָוולען.

3

אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט, ביז בערל האָט מיטאַמאָל זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך טאַטע-מאַמע.

זאָגט ער איינמאָל צו די מענטשן אַרום אים: „איך וויל שוין גיין אַהיים צו טאַטע-מאַמע, ווייל ס'איז שוין שפּעט און זיי וועלן מיך זוכן. קען איך מיטנעמען מיינע מתּנות פון לבֿנה-לאַנד צו ווייזן מיינע חבֿרים?"

— „אַ שאָד וואָס דו ווילסט אונדז אַזוי שנעל פאַרלאָזן", האָבן די לבֿנה-מענטשן און די קינדער באַדויערט, „אָבער אַז דו בענקסט אַהיים, איז פאַרפאַלן!"

און זיי האָבן אים אויפגעהויבן אויף די הענט, אַז אַלע זאָלן אים קענען זען צום לעצטן מאָל, און זיי האָבן אים מיטגעגעבן פולע קע-שענעס מיט פרוכט און צוקערקעס אויפן וועג, און בערל איז צוריק אַרויף אויפן לייטער אַרונטערצוקלעטערן צו דער ערד און צו זיך אַהיים.

ווען דער לבֿנה-לייטער האָט זיך פאַרענדיקט, איז ער געבליבן זיצן אויפן לעצטן שטאַפּל, און געקוקט אויף די שטערן. האָבן זיי אַרויסגעשיקט זייערע שטראַלן צו אים. האָט ער ווידער געפלאָכטן דעם שטראַלן-לייטער און געקלעטערט איבער אים אַרונטער, אַרונ-טער, ביז ער האָט דערזען אַ גרויס, גרויס ליכט, גאָר אינגאַנצן אַנ-דערש ווי די שטערן. האָט ער זיך פאַרקוקט אויף דעם גרויסן ליכט, פריער מיט אָפענע אויגן, און דערנאָך מיט פאַרזשמורעטע אויגן. האָט

דאָס גרויסע ליכט אויך ארויסגעשיקט שטראַלן. האָט ער ווייטער געפלאַכטן דעם לייטער און איז ארונטער גלייך צו דעם גרויסן ליכט.

פלוצים האָט ער ווידער דערהערט געשרייען: „זעט נאָר, זעט! אַ קינד איז אויף דער עמפייר סטייט געביידע! זעט, אַ קינד איז דאָרט אויבן!"

מענטשן זיינען אויף יענער גאַס געגאַנגען אָן אַ שיר. איז דע־ריבער געוואָרן אַ גרויסער טומל. עס זיינען געקומען צולויפן עטלע־כע פּאָליסלייט און האָבן גענומען פייפן. איז באַלד אָנגעקומען אַ סך פּאָליציי. מען האָט ארויסגערופן פייערלעשער. האָבן די פייער־לעשער גלייך אָנגעשטעלט זייערע לייטערס, ארויפגעקראָכן אויפן סאַמע שפּיץ פון דער עמפייר סטייט געביידע, און האָבן בערלען פאַר־זיכטיק ארונטערגענומען.

— „פון וואַנען קומסטו אַהער, אינגעלע? ווער האָט דיך דאָ איבערגעלאָזט?", האָט מען בערלען גענומען פרעגן פון אַלע זייטן.

זאָגט בערל: „איך בין אליין אַהער געקומען. איך בין ערשט געווען אויף דער לבנה!"

— „וואָס? וואו? אויף דער לבנה?", האָבן זיך די מענטשן צע־לאַכט. „וואָס הייסט אויף דער לבנה? ווי קען דאָס זיין?", האָט מען אים ווידער גענומען אויספרעגן.

האָט בערל גע'טענה'ט, אַז ער איז פּאָרט געווען אויף דער לבנה. אָט האָט ער נאָך אַביסל פּרוכט און צוקערקעס פון דאָרטן. און אָט זיינען אַפילו די בילדער פון לבנה־לאַנד, וואָס מע האָט אים גע־געבן אַ מתנה!

ווען די מענטשן האָבן דערזען די בילדער, און האָבן נאָך דערצו דערזען אַז זיי זיינען אויף זילבערנע טאָוולען געמאָלן, האָבן זיי שוין בערלען געגלויבט. און זייער באַוואונדערונג איז געווען גאָרניט איבערצודערציילן. עס האָט זיך זיי אויך פאַרוואָלט צו קריגן זילבער — פאַר זילבער קען מען קריגן אַ סך זאַכן — האָבן זיך די מענטשן אַ לאָז געטאָן אויף די לייטערס און אָנגעהויבן קלעטערן צו דער לבנה.

דאַן האָט זיך דער הימל אָנגע'ברוגז'ט און זיך גלייך באַדעקט מיט וואָלקנס. די שטערן האָבן פאַרמאַכט זייערע פענסטערלעך און

אויסגעלאָשן זייער ליכט. די לבנה האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ גרויסן וואָלקן. אַ ריזיקער בליץ האָט אַ בלענד געטאָן און איבער־געשניטן דעם שטראַלן־לייטער. די מענטשן האָבן גענומען פאַלן. און זיי וואָלטן זיכער דער׳הרג׳עט געוואָרן, ווען די פייערלעשער וואָלטן זיי ניט געווען געראַטעוועט.

און פון דאַן אָן האָט זיך קיינעם ניט איינגעגעבן ארויפצוקומען צו דער לבנה.

# דאָס וואַלד-הויז

אויף אַ הויכן באַרג ניט ווייט פון פּאָקיפּסי, ניו-יאָרק, אין דעם געדיכטן וואַלד, מיט וועלכן דער באַרג איז באַדעקט, שטייט אַן איינזאַם הויז. כמעט אַלע זומער-געסט, וואָס קומען אין יענעם געגנט, פּרובירן זיך אַרויפדראַפּען אויף דעם הויכן באַרג וואו דאָס הויז שטייט. אָט די אַלע מענטשן האָבן זיך דורכגעשניטן דורך דער שמאָלער שטיינערנער סטעזשקע וואָס פירט צום וואַלד-הויז, האָבן דאָס הויז באַזוכט, עס אַרומגעקוקט פון דרויסן, באַוואונדערט די גרויסע צימערן פון אינווייניק, געקוקט אויף די געמאָלענע ווענט און אויסטערלישער סטעליע פון ברוינע הילצערנע באַלקנס; באַטראַכט דעם שיינעם שטיינערנעם קאַמין — און אַלע האָבן זיך געוואונדערט: ווער האָט דאָס הויז געבויט? ווער האָט אין דעם הויז געוואוינט? פאַרוואָס איז אַזאַ שיין הויז פאַרלאָזן געוואָרן?

פאַרשידענע לעגענדעס האָבן זיך געשאַפן ארום דעם וואַלד-הויז, איינע פאַנטאַסטישער פון דער אַנדערער, און די לעגענדעס זיינען געגאַנגען פון מויל-צו-מויל יעדן זומער.

אזוי זיינען אַוועק אַ סך יאָרן, און דאָס הויז איז אַלץ געבליבן אַ געהיימניש, ביז — ביז מיט גאָר אַ קורצער צייט צוריק האָט געטראָפן אַ זאַך, וואָס האָט אויפגעדעקט דעם ריינעם אמת וועגן דער מעשה פון וואַלד-הויז.

און אָט די מעשה וויל איך אייך אַלעמען דערציילן.

לעצטן זומער האָב איך אָפּגעדונגען אַ טייל פון דעם וואַלד-הויז און האָב זיך באַזעצט אין דעם גרויסן צימער, וואו עס געפינט זיך דער ברייטער שטיינערנער קאַמין. איבערן קאַמין אויפן וואנט איז

אויסגעמאָלן אַ בילד, אַ וואַלד־לאַנדשאַפט.

איינמאָל, באַטראַכטנדיק דאָס בילד, ארומטאַפּנדיק די ברייטע ראַם פון בילד, האָב איך פלוצים באַמערקט אַ שפּיץ פון אַ שטיק פּאַפּיר, ארויסשטעקנדיק פון אונטער דער ראַם. האָב איך דעם שפּיץ פּאַמעלעך ארויסגעצויגן און דערזען אַן אַלטן, פאַרגעלטן בויגן פּאַפּיר, געדיכט פאַרשריבן אין ענגליש, מיט דער האַנטשריפט פון א פרוי.

מיט מאַטערניש האָב איך דעם בויגן פּאַפּיר אויסגעגלייכט און פאַרזיכטיק דורכגעלייענט וואָס עס איז אין דעם פּאַפּיר געווען אויפ־געשריבן:

— „איך — די מאַמע פון דריי זין — דזשאַן, 26 יאָר אַלט; אלעקס — 19 יאָר אַלט, און ווילי — 10 יאָר אַלט. איך בין די פרוי פון דעם יעגער דזשאַן פאַרדהאַם, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אָט דעם טיפן וואַלד, אין דעם זעלביקן הויז, אין וועלכן זיין טאַטע איז געבוירן געוואָרן. און פונקט ווי זיין טאַטע איז ער אין דעם זעלביקן הויז געשטאָרבן. איך, די פרוי און מאַמע, וועלכע איז איצט געבליבן אזוי עלנט אויף דער וועלט, וויל באַשרייבן די געשיכטע פון אונדזער לעבן, איידער איך פאַרלאָז דאָס הויז אויף אייביק. זאָל דאָס פאַרבלייבן ווי אַן אָנדענק פאַר די מענטשן, וואָס וועלן אפשר נאָך אונדז וואוינען אין דעם דאָזיקן הויז".

## 1

ווען איך בין געווען אַ יונג מיידל און האָב געוואוינט אין דעם דערפל שולצוויל, ניט ווייט פון דעם דאָזיקן וואַלד, און בחורים האָבן זיך גענומען שדכנ'ען צו מיר, האָט צו מיר איינמאָל אַן אַלטיטשקע פרוי, אַ פאַרמערקע, וואָס האָט גע'שמ'ט פאַר אַ קאָרטן־וואָרפערקע, אזוי געזאָגט: „היט זיך צו זיין אין אַ טיפן וואַלד, דער וואַלד וועט וועלן ביי דיר דאָס טייערסטע צונעמען".

אָבער איך, אַ יונג מיידל, האָב זיך אויסגעלאַכט דערפון. און ווען דער שיינער געזונטער דזשאַן פאַרדהעם איז געקומען און מיך

געבעטן צו ווערן זיין פרוי, האָב איך אין די אַלע שרעקן פאר טיפע וועלדער אינגאַנצן פאַרגעסן און זיך באַזעצט דוקא אין טיפן וואַלד, וואו מיין מאַן האָט זיין הויז געהאַט. איצט איז שוין דער וואַלד פריי פון ווילדע חיות, אָבער פריער איז ער געווען פול מיט בערן, פוקסן, הירשן, האָזן, טכוירן, און נאָך און נאָך חיות.

דער וואַלד איז געווען זייער היים. אונדז, מענטשן אין דעם יעגער-שטיבל, האָבן זיי באַטראַכט ווי שונאים. און פאר אונדז, מענטשן, זיינען די חיות געווען בלויז אַ מיטל צום לעבן. מיין מאַן איז געגאַנגען אויף יאַגד, געשאָסן האָזן, האָבן מיר געהאַט פלייש צום בראָטן. האָט ער געשאָסן אַ פוקס, האָט ער די פעל פאַרקויפט אין שטאָט פאַר אַ סך געלט, און געקויפט מעל אויף ברויט, און טיי און צוקער געבראַכט, און שיך און זאָקן פאר די קינדער באַזאָרגט.

אָבער ניט אזוי לייכט האָבן זיך די חיות געלאָזט כאַפּן. די חיות זיינען קלוג. זייער קלוג. און די קליגסטע פון אַלע זיינען די פוקסן. פלעגן די פוקסן טאַקע דרייען און פאַרדרייען זייערע וועגן, נאַרן מיין מאַן און מיין זון גאַנצע טעג און וואָכן נאָכאַנאַנד, ביז עס' פלעגט זיי געלינגען ענדלעך צו כאַפּן דעם קלוגן פוקס.

און אזוי זיינען וואָס אמאָל ווייניקער און ווייניקער פוקסן גע־בליבן אין וואַלד.

נאָר איין גרויסע פוקסעכע האָט זיך ניט געלאָזט כאַפּן אַ לאַנגע צייט.

מיין עלטסטער זון דזשאַן האָט געזאָגט, אַז ער וועט זי כאַפּן, ווען דאָס זאָל אים אפילו קאָסטן זיין לעבן.

האָט ער איר נאָכגעשפּירט זיבן טעג נאָכאַנאַנד, און זי האָט זיך אַלץ געריצט מיט אים: אָט איז זי דורכגעלאָפן פאר זיינע אויגן און ווי אַ בליץ פאַרשוואונדן ערגעץ צווישן די געדיכטע בוימער און קוסטעס. ער האָט זי געזוכט אויף איין פלאַץ, און זי איז גאָר ארוים־געשפּרונגען הינטער זיינע פּלייצעס!

אָבער דזשאַן האָט ניט פאַרלאָרן די האָפנונג, און די פוקסעכע אַלץ נאָכגעשפּירט, ביז, איינמאָל, אין אַ ווינטער-פאַרנאַכט, די זון איז שוין פאַרגאַנגען. מיר אַלע, אַ חוץ דזשאַנ'ען, האָבן שוין געהאַט אָפּ־געגעסן אונדזער וועטשערע און זיינען געזעסן אין שטוב ביים לאָמפּ

— ווער מיט א צייטונג, און ווער מיט א בוך — האָב איך פּלוצים דערהערט אַ קרעכץ און אַ ריטש... א קרעכץ און אַ ריטש...

עס האָט מיך פאַרכאַפּט ביים הארצן. איך האָב א נעם געטאָן דעם לאָמפּ און מיר זיינען אַלע ארוים אין דרויסן. און אָט וואָס מיר האָבן דערזען:

ניט ווייט פון הויז, אויפן ווייסן שניי, האָט זיך געקייקלט עפּעס אַ מאַסע, געקייקלט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער צום הויז. פון אָט דער מאַסע האָט זיך דאָס געטראָגן דאָס קרעכצן. ווען מיר זיינען צוגעלאָפן, האָבן מיר דערזען, אז דזשאַן האלט איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס די געלע פיקסעכע. די פיקסעכע איז פארוואונדעט אין א פוס, און אין רוקן, און דאָס בלוט גיסט זיך פון איר.

אָבער מיין דזשאַן איז שטאַרק צעדראַפּעט און צעריסן פון נעגל. דאָס אָפּגעריבענע פלייש פון זיין פּנים און זיינע הענט הענגט נאָך. מיר האָבן זיי ביידן אריינגעשלעפּט אין שטוב אריין. די פוקסעכע האָט זיך באַלד אויפגעהערט צו רירן. מיין זון האָט נאָך געקענט אויסריידן די לעצטע ווערטער: „אַ לעבן פאַר אַ לעבן. איך זי — און זי — מיך"... ביים לעצטן וואָרט איז ער געשטאָרבן.

זיצנדיק ביי זיין טויטן קערפּער דורך דער נאַכט בין איך אַנדרימלט געוואָרן. מיר האָט זיך גע'חלום'ט די אַלטיטשקע פאַרמערקע, און זי האָט צו מיר מיט א טרויעריקן שמייכל געזאָגט:

— „נעבעך, האָסט אַזאַ טייערע זאַך פאַרלאָרן!"

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג, און מיין מאַן האָט געהייצט דעם אויוון. איך האָב אים דערציילט מיין חלום, און אויך דאָס, וואָס די פאַרמערקע האָט מיר אמאָל געזאָגט.

האָט ער בייז אַ בורטשע געטאָן: „ווייבערשע נאַרישקייטן! נאָר ווייבער גלויבן אין אזעלכע פּוסטע זאַכן! דער'הרג'עט ווערן קען מען אפילו אין דער גרעסטער שטאָט אויך, ניט נאָר אין וואַלד!"

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז גערעכט און האָב שוין מער וועגן דעם ניט געטראַכט.

ווידער איז אַוועק אַ לענגערע צייט. מיין מאַן און מיין צווייטער זון, אַלעקס, האָבן זיך נאָך אַלץ געיאָגט נאָך חיות אין וואַלד.

מיין מאַן האָט זיך גענומען צו די בערן. די בערן איז געווען גרינגער אויסצופאָרשן. בערן זיינען נאַאיווע באַשעפענישן, מיט אַביסל האָניק קען מען זיי פאַרנאַרן. זיי האָבן זייער ליב האָניק. אַז אַ בער דערשמעקט האָניק, וועט ער שוין אפילו צוקומען נאָענט צו מענטשנס וואוינונגען. האָט טאַקע מיין מאַן אַזוי ארום מיט בינען־פאַסטקעס געכאַפּט אַ סך בערן. זיינען זיי וואָס אַמאָל געוואָרן וויינ־קער און וויניקער אין צאָל, ביז ס'איז געקומען אַ צייט, ווען מען האָט געקענט באַמערקן בלויז איין פאַמיליע — אַ ליכטיק ברוינעם גרויסן בער מיט גראָבע פאַרוואַקסענע פיס, און אַ זייער טונקל־ברוינע בעריכע. אָבער כאַפּן זיי האָט זיך מיין מאַן ניט איינגעגעבן.
איינמאָל, אין אַ זייער וואַרימען זוניקן טאָג, ארומזוכנדיק די בערן, האָט מיין מאַן באַמערקט אַ קליין בערעלע, ארומקלעטערנדיק לעבן אַ דיקן, זייער אַלטן בוים. איז ער פאַוואָלינקע, שטילערהייט צוגעקראָכן צום בוים און אַ כאַפּ געטאָן דאָס בערעלע. דאָס בערעלע האָט זיך געלאָזט נעמען, אַזוי ווי אַ קליין הינטעלע.

האַלטנדיק דאָס בערעלע אונטערן אָרעם האָט מיין מאַן גוט באַ־טראַכט דעם בוים און באַמערקט אַ טיפן גראָבן גלייך לעבן די וואָרצ־לען. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט און דערזען נאָך אַ בערעלע ניט ווייט פון אריינגאַנג אין הייל. האָט ער דאָס צווייטע אויך געגלעט און עס האָט זיך אויך געלאָזט נעמען. די גרויס'ע בערן זיינען ניט געווען. האָט זיך מיין מאַן געמאַכט אַ סימן, וואו דער גרוב געפינט זיך, גענומען די בערעלעך און זיך געלאָזט גיין אהיים.
אינמיטן וועג האָט זיך איין בערעלע עפּעס צעשריגן, וויזט אויס, זיך פאַרבענקט נאָך דער מאַמען. און טאַקע באַלד האָט זיך דער־הערט אַ שטאַרקער טראַסקען צווישן די צווייגן. די ברוינע בעריכע האָט זיך באַוויזן צווישן די בוימער.
מיין מאַן האָט זי דערזען, האָט ער זיך געגעבן אַ זעץ אַוועק אויף

א דערבייאיקן שטיין. די בערעלעך האָט ער געהאַלטן צווישן די קני, און אליין האָט ער גענומען צילן זיין ביקס גלייך אויף דער בעריכע. זי איז צוגעקומען אַלץ נעענטער און נעענטער; זי האָט זיך געדרייט אַהין און אהער, געוואָלט אויסמיידן די ביקס, און דאָך צוקומען צו די קינדער.

אָבער, ווען זי איז שוין צוגעקומען אזוי נאָענט, אז זי וואָלט זיך שוין געקאָנט א וואָרף טאָן אויף מיין מאן, האָט ער שנעל אויסגעשאָסן און די בעריכע איז געפאַלן א טויטע.

שווער איז אָנגעקומען מיין מאַן צו ברענגען צושלעפּן די בעריכע מיט די קינדערלעך אהיים. מיר האָט פאַרקלעמט ביים הארצן, ווען איך האָב דערזען די קליינע בערעלעך. אָבער מיין מאַן האָט מיך אויסגעלאַכט: „איצט", זאָגט ער, „איז געבליבן דער איינציקער בער, און מיט אים וועל איך שוין דורכקומען. איך וועל אים מיט זיינע אייגענע קינדערלעך פאַרנאַרן".

אָבער איך האָב ניט דערלאָזט זיי נעמען פון הויז אויף יאגד. עס האָט מיר ווייגעטאָן דאָס האַרץ ווי פאַר אמת'ע קינדער.

זעקס טעג זיינען אריבער, און דעם גרויסן בער האָט מען ניט געזען אין די אויגן. אויפן זיבעטן טאָג, זונטיק, זאָגט מיין מאן — „נישטאָ דער בער, זיין הייל איז פוסט, און איך האָב שוין ניט קיין כח זיך צו יאָגן נאָך אים. מאָרגן וועל איך גאָר בלייבן אינדערהיים זיך אויסרוען!"

די בערעלעך האָט ער פארשפּארט אין א גרויסן קאַסטן, געמאכט אין אים לעכעלעך, די בערעלעך זאָלן קאָנען אָטעמען לופט, און געלאָזט דעם קאַסטן אינדרויסן לעבן בריקל, און מיר אַלע זיינען נאָך וועטשערע געגאַנגען שלאָפן.

שפּעט ביינאַכט, אפשר ארום איינס אָדער צוויי דעם זייגער, האָב איך זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף ווי עמיצער וואָלט מיר א שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. דאָס הויז איז געווען פינסטער, נאָר מיין מאן איז אין בעט ניט געווען, און עפּעס אַ שטאַרקער גערודער האָט זיך געטראָגן פון דרויסן. איך האָב שנעל אויפגעוועקט מיינע צוויי זין און מיר זיינען אַלע ארויס.

די נאַכט איז געווען א לבנה'דיקע, אַ ליכטיקע. האַרט ביים בריקל, לעבן קאַסטן מיט די בערעלעך איז געלעגן דער גרויסער טאַטע־בער אַ האַלב־דערשאָכטענער. ער איז געלעגן מיט אַלע פיר אויף מיין מאַן. ער האָט זיך ניט גערירט. ווען מיר האָבן מיין מאַן ארויסגעשלעפּט פון אונטער דעם בער איז ער שוין געווען כמעט טויט. דער בער האָט אים מיט זיין שווערן קערפּער דער־שטיקט.

3

אַ פּאָר חדשים זיינען אַריבער. מיין צווייטן זון, אַלעקס'ן, האָב איך אויף יאַגד ניט געלאָזט גיין, און דער דריטער זון — ווילי איז נאָך געווען אַ קינד, אנגאַנצן 10 יאָר אַלט.

אַלעקס האָט ליב געהאַט זיך צו יאָגן נאָך די הירשן, צוליב זייע־רע שיינע הערנער, אָבער איך האָב זיך איצט איינגעשפּאַרט ער זאָל ניט גיין אויף יאַגד. איך האָב געוואָלט אוועק ערגעץ ווייט, ווייט פון דאַנען. ערגעץ צווישן ברייטע פעלדער, וואו מען קען לעבן פון אַקערן די ערד און מע דאַרף זיך ניט יאָגן נאָך קיין חיות. אַלעקס אָבער האָט ניט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט ליב דעם וואַלד, האָט ער גע'טענה'ט. זיין זיידע און זיין פאָטער זיינען געווען יעגער, מוז ער און וויל ער אויך זיין אַ יעגער.

אָבער מיין זון ווילי האָט דוקא געוואָלט אַוועק פון דאַנען. ער איז געווען אַ טרוימער. ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט ביכלעך וועגן ים'ען, וועגן ים־רייזנדע, און אים האָט געצויגן ערגעץ אין די ווייטע וועלטן.

אָבער ביז ער וועט אויסוואַקסן וואָלט ער כאָטש געוואָלט זען דעם ים, כאָטש אָנקוקן ווי די כוואַליעס' יאָגן זיך איינס נאָך דעם אַנ־דערן, ווי זיי הויבן זיך און דערגרייכן אַזש צום ראַנד פון הימל. און אָה, ווי אים וואָלט זיך וועלן אַ שווים טאָן אין ים!... דעם טייך קען ער שוין איצט אריבערשווימען, כאָטש ער איז נאָך אזוי יונג. אָבער וואָס איז אַ טייך — אַ שטיל וואַסער, קיינמאָל ניטאָ קיין כוואַליע...

אוי, ווי עס וואָלט זיך וועלן וויגן אויף די רוקנס פון כוואַליעס און זיי ווייזן, אַז כאָטש זיי זיינען גרויס און מעכטיק, קען ער דאָך שווימען צווישן זיי...

אָבער אַז דער עלטערער זון, אַלעקס, האָט ניט געוואָלט אוועק פון דאַנען, און האָט נאָך געסטראַשעט, אַז ער וועט אליין אנטלויפן צוריק אין וואלד אריין, אויב מיר וועלן פון דאנען אַוועק — האָב איך געמוזט איינשטימען צו בלייבן נאָך אַ שטיקל צייט אין ווילדן וואַלד.

3

איינמאָל, זומער, אין אַ שטיקנדיקן פרימאָרגן, דערהער איך פון שלאָף ווי מיין ווילי שרייט: „אַ ים! מאמע — א ים!" איך כאַפּ זיך אויף — ער שלעפּט מיך פאַר די הענט, זיין פּנים צוקט, זיינע אויגן ברענען ווי אין היץ — „מאַמע, אַ ים! קוק, קוק — ים!"

איך וויים גוט, אַז אין וואַלד איז ניטאָ קיין ים, און אפילו דער טייך איז אונטערן באַרג, אַראָפּ-צו, אָבער דאָס אינגל לאָזט מיך ניט אָפּ, ער שלעפּט מיך פון בעט, ער ברענט אין פיבער, ער שלעפּט מיך אינדרויסן, ווייזט מיר אין דער ריכטונג פון טייך און שרייט: „א ים! אַ ים! דער טייך איז געוואָרן אַ ים!"

איך טו אַ קוק — און גלויב ניט מיינע אייגענע אויגן. עס' איז נישטאָ קיין בערג, נישטאָ קיין טאָלן, נישטאָ קיין בוימער. אַלץ איז פלאַך, און קוקט אויס ווי וואַסער, אַלץ איז באַדעקט מיט וואַסער.

אָבער דאָס קען דאָך ניט זיין! נאָר ווילי שפּרינגט פון זיך. — „א ים! אַ ים! איך גיי שווימען!" ער האָט פאַרריסן די הענט איבערן קאָפּ, זיך א לאָז געטאָן פון באַרג, נאָך איידער איך האָב אים געקענט פאַרהאַלטן און איז באַלד פאַרשוואונדן אין דער ווייסער מאַסע.

איך האָב גענומען זיך אליין קנייפּן און רייסן, צי שלאָף איך ניט: וואָס הייסט אין מיטן וואַלד — אַ ים? פּלוצים טוט מיר אַ קלאַפּ אַ געדאַנק אין קאָפּ: דער טוי! דער נעפּל! דאָס מוז זיין דער טוי! דאָס' איז נעפּל, ניט וואַסער; טוי, טוי — ניט וואַסער! איך נעם

זיך לויפן פון בארג, וואו מיין ווילי איז געלאָפן. איך גליטש זיך פון די שטיינער און צעריים מיין העמד. איך פאַל, הויב זיך ווידער אויף, לויף און שריי: ווילי! ווילי! און זוך...

און אָט דערזע איך מיין קינד ליגט.

ער ליגט אויפן בויך, מיט צעשפּרייטע הענט, אַ צעקלאַפּטער, אַ פּאַר'חלש'טער. אויף מיינע געשרייען איז אָנגעלאָפן מיין זון אלעקס. מיר האָבן ביידע ארויפגעטראָגן ווילי'ן אין הויז, אים געוואַשן דאָס בלוט, פאַרבונדן די וואונדן. אָבער ער איז אַ לאַנגע צייט געווען קראַנק. און היץ האָט ער געהאַט אַ סך, און אַלץ אין היץ געשריגן: „אַ ים! א ים! איך וויל שווימען אין ים!"

אזוי איז ער אָפּגעלעגן ביז ענדע זומער און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז נאָר דער ים קען אים אויסהיילן. ער מוז איצט וואוינען לעבן ים און זען דעם ים פאר זיך.

דערווייל זיינען שוין כמעט קיין חיות אין וואַלד ניט געבליבן. די הירשן מיט די צעצווייגטע הערנער האָבן זיך אויך באַהאַלטן ווייטער און ווייטער אין דער טיפעניש פון וואַלד, און זעלטן, זייער זעלטן פלעגט מען באמערקן אַ הירש.

איך האָב ווידער גענומען איבעררײדן מיין זון אַלעקס'ן מיר זאָלן פאַרלאָזן דעם וואַלד און ראַטעווען ווילי'ן. ענדלאַך האָט ער איינגעשטימט. נאָר מיט דעם תנאי, אַז ווען עס איז, אין א צייט ארום, זאָל ער זיך באַזעצן אין דעם זעלבן יעגער־הויז, וואו ער איז געבוירן געוואָרן.

איצט נעמען מיר צונויף אונדזערע זאַכן און מיר פאַרלאָזן דעם וואַלד. איך און ווילי — אויף אייביק, און מיין זון אַלעקס — ווער ווייסט? ווער ווייסט? ער איז דאָך א געבוירענער יעגער — אפשר וועט דאָס וואַלד־הויז וואַרטן אויף אים.

זיי געזונט, מיין אַלט וואַלד־הויז. איך האָב דאָ איבערגעלעבט אזוי פיל גליקלעכע און אזוי פיל אומגליקלעכע יאָרן... זיי געזונט!"

# די מעשה פון קעניג טשיק

1

אין אַ ווייטן לאַנד האָט געלעבט אַמאָל אַ קעניג מיטן נאָמען טשיק. האָט ער געהאַט אַ טריק: ער פלעגט ארומגיין הין און צוריק, ארויפקריכן אויף א בערגל און זיך ארונטערגליטשן צוריק.

און דאָס איז געווען זיין טריק.

איינמאָל, אין א רעגנדיקן טאָג, איז קעניג טשיק ווידער געקומען צו זיין בערגל, ארויפגעקלעטערט פון אויבן און זיך גלייך ארונטערגעגליטשט צוריק. איז אָבער די ערד נאַס געווען. האָט ער שטאַרק איינגעשמוצט זיין מאַנטל, און אָט אזוי אן אויסגעשמירטער, איז ער געגאַנגען אַהיים.

אַז די קינדער אין גאַס האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי גענומען לאַכן און זיך שושקען, און ווייזן אויף אים מיט די פינגער. און טאַקע באַלד האָבן זיי פאַרפאַסט אַ לידל און גענומען הויך אויף אַ קול זינגען:

קעניג טשיק האָט ליב א טריק:
ער גייט ארום הין און צוריק.
ער קריכט אויף א בערגל
און גליטשט זיך צוריק.
ער'ט פאַרשמירט זיין מאַנטל —
טוט נאָר אַ קוק!

אַז דער קעניג האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס אויף די קינדער. „וואָס הייסט, אַזעלכע שנעקעס מאַכן חוזק פון א י ם , דעם קעניג טשיק?" האָט ער גלייך געלאָזט רופן זיינע מי-

ניסטאָרן און צו זיי אזוי געזאָגט: „איך וויל פּטור ווערן פון אַלע קינ־דער וואָס געפינען זיך דאָ אין שטאָט. גיט מיר אַן עצה ווי אזוי דאָס צו טאָן. איך גיב אייך זיבן טעג דערויף. געדענקט — איך מוז די שנעקעס אָנלערנען!"

זיינען די מיניסטאָרן געזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און גע־טראַכט וואָס צו טאָן. איין מיניסטער גיט אַן עצה מע זאָל דער־הרג'ענען אַלע קינדער. זאָגט א צווייטער: „וועלן דאָך שוין ניט זיין מער קיין מענטשן". טויג ניט די עצה. אַן אַנדער מיניסטער זאָגט: „לאָמיר אויסבויען אַ גרויס הויז פאַר זיי און זיי דאָרטן פאַרשליסן, וועלן זיי מער ניט זיין אויפן גאַס". „וועלן זיי דאָך אָבער טומלען"— זאָגט א פערטער מיניסטער—„און דער קעניג וועט זיי סיי ווי הערן". טויג עס אויך ניט. האָבן זיי אזוי לאַנג געטראַכט ביז זיי זיינען גע־פאַלן אויף אַ פּלאַן: טאַקע אויסבויען אַ גרויס הויז, נאָר ווייט, ווייט הינטערן שטאָט, און אהין פאַרטרייבן אַלע קינדער.

זיינען די מיניסטאָרן געקומען צום קעניג מיט דעם פּלאַן און ער איז אים געפעלן געוואָרן. האָט מען אזוי געטאָן און פאַרטריבן די קינדער אין יענעם הויז.

געקומען אהין, האָבן די קינדער אַ גאַנצן טאָג געטומלט און גע־פּלאַנעוועט ווי אזוי זיך אָפּצורעכענען מיטן קעניג. אז ס'איז געוואָרן נאַכט און די קינדער זיינען הונגעריק געוואָרן, האָבן זיי איינגעזען אז מע דאַרף עפּעס טאָן, האָבן זיי פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג און איינגע־טיילט די אַרבעט ארום הויז: אייניקע זאָלן האַלטן ריין דאָס הויז, אַנדערע זאָלן קאָכן און וואַשן דאָס געשיר, און גאָר אַנדערע זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אויסגעפינען וואָס צו עסן פאַר אַלעמען. אָט די גרופּע קינדער האָט זיך ארויסגעלאָזט אין וואַלד קלייבן שוועמלעך און יאַגדעס. אַנדערע האָבן גענומען כאַפּן פיש אין טייך לעבן הויז. און אזוי האָבן זיי זיך דערנערט די גאַנצע צייט. אין אָוונט פלעגן זיי צעלייגן אַ פייער אין הויף, זיך אויסזעצן אַרום דעם פייער און זיך דערציילן מעשׂות ביז מע איז שלעפעריק געוואָרן.

דאָס נייע לעבן איז זיי עפּעס גאָר געפעלן געוואָרן: נישטאָ קיין גרויסע וואָס זאָלן זאָגן: „דאָס טו, און דאָס טו ניט; דאָס מעג מען, און דאָס טאָר מען ניט". זיי קענען זיך באָדן וויפיל זיי ווילן און ווען

זיי ווילן — גאַנץ פרי און שפּעט פאַרנאַכט; זיי קענען אפילו גיין שלאָפן ווען זיי ווילן...

אַ פרייע וועלט — שפרינג און טאַנץ און שפּיל זיך וויפיל דו ווילסט!

צווישן די עלטערע קינדער האָט זיך געפונען איין אינגל מיטן נאָמען לייבל. איז דער לייבל געווען זייער אַ קלוגער און א בראַווער, אַ אינגל אַ כוואַט. האָבן זיי אים געמאַכט פאַר זייער פירער.

איינמאָל איז לייבל ארוים אליין פון הויז אויף א שפּאציר. דערזעט ער פון ווייטנס עפּעס א ווייסע זאַך ליגט. קוקט ער זיך צו — די ווייסע זאַך נעמט זיך רירן. דערשרעקט ער זיך אביסל. אָבער באַלד קלערט ער ביי זיך: „ער, לייבל, זאָל זיך גאָר שרעקן? פּע! לייבל שרעקט זיך ניט!" גייט ער צו נעענטער — דערהערט ער ווי די ווייסע זאַך צעשרייט זיך גאָר: מע-ע-ע! פאַרשטייט שוין לייבל, אַז ס'איז אַ ציגעלע. רייסט ער אָן אביסל גראָז און טראָגט עס אים צו. האָט זיך דאָס ציגעלע דערשראָקן. דאָס גראָז האָט אים לייבל דערלאַנגט און גערעדט צו דעם שטיל און צערטלעך — האָט עס ביסלעכווייז גענומען עסן. קלערט לייבל: „ווען מיר האָבן אַזאַ ציגעלע ביי אונדז אין הויף, וואָלט פריילעכער געווארן, און די אַנדערע קינדער וואָלטן געהאַט מיט וואָס זיך צו שפּילן". האָט ער גענומען אַ פריש בינטל גראָז, עס צוגעטראָגן צו דער ציגעלעס מויל און זיך געלאָזט גיין. איז דאָס ציגעלע אים נאָכגעגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו זייער הויף. איז לייבל אריין אין טויער און דאָס ציגעלע נאָך אים. האָט ער פאַרמאַכט דעם טויער...

זעט דאָס ציגעלע אַז עס קען ניט ארוים — צעשרייט עס זיך: „מע—ע—ע, מע האָט מיך פאַרשלאָסן! מע—ע—ע!"

האָבן עס אַנדערע ציגן דערהערט און זיך אַ לאָז געטאָן צום אָרט פון וואַנען זייער ציגעלעס קול האָט זיך געלאָזט הערן.

אַז לייבל האָט דאָס דערזען, איז ער אַזש אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד. ער האָט אויפגעעפנט א קליין טירל לעבן טויער און צוגעהאַלטן דאָס שרייענדיקע ציגעלע. האָבן די ציגן איינציקווייז און פאַרנווייז זיך ארייַנגעשטופּט דורכן קליינעם טירל אין הויף אריין.

האָט ער גלייך פאַרמאַכט דאָס טירעלע און קיינער פון די ציגן האָט שוין ניט געקענט ארויס.

ווען די קינדער זיינען ארויסגעלאָפן אין דרויסן און דאָס דער־זען, האָבן זיי זיך זייער דערפרייט. זיי האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום די ציגן, געריסן גראָז פאַר זיי, געבראַכט זיי וואַסער, און גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר פרייד. שפּעטער האָבן זיי אויסגע־מאָלקן די ציגן און געטרונקען די זיסע, געשמאַקע מילך. און לייבלען האָבן זיי געטראָגן אויף די פּלייצעס איבערן הויף פאַר זיין גוטן איינ־פאַל. זיי זיינען אַלע אזוי גוט געוועזן צו די ציגן, אַז די ציגן האָבן די קינדער אויך ליב געקראָגן און שוין אליין ניט געוואָלט אוועק פון זיי.

2

אזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט. אָבער די קינדער, דערהויפּט די קלענערע, האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן עפּעס ווייניקער שטיפן, ווייניקער ארומשפּרינגען; האָבן געגומען זיך טשעפּען איינס צום אַנדערן און אפילו ווייניקער עסן. עס׳ האָט זיך זיי געבענקט אהיים, נאָך די טאַטעס און מאַמעס, און אפילו די עלטערע קינדער זיינען אויך ארומגעגאַנגען מיט ארונטערגעלאָזטע קעפּ.

זיצן זיי איינמאָל אין אָוונט ארום א פייער אין הויף און קלערן ווי צו קומען צוריק אהיים. זאָגט ׳היים: „ווען ס׳איז דאָ אַ באַן פאָרט מען מיטן באַן". — „איז דאָך אָבער ניטאָ קיין באַן" — רופט זיך אָן בערל. „פאָרט מען מיט אויטאָמאָבילן" — זאָגט זעלדע. — „וואו זיינען דיינע אויטאָמאָבילן?" פרעגט רחל.

— „מע קען פאָרן מיט פערד און וואָגן אויך", האָט יאַסעלע זיך אָנגערופן. — „האָבן מיר דאָך ניט קיין פערד און ניט קיין וועגענער!" בלאָזט זיך אָן היים.

זאָגט לייבל: „איך האָב אן עצה — ציגן האָבן מיר, צי ניט? אַז ס׳איז ניטאָ קיין פערד — וועלן שלעפּן ציגן!" — „נו, און וועגענער וואו וועט מען נעמען?" — פרעגט זעלדע.

זאָגט לייבל: „פעלן דאָך בלויז וועגענער — האָב איך נאָך אן

עצה: לאָמיר אַוועק אין וואַלד נאָך האָלץ און אליין מאַכן וועגעלעך. וועלן מיר איינשפּאַנען די ציגן און פאָרן אהיים!״

דערפרייען זיך שטאַרק די קינדער און מע צעטאַנצט זיך אַרום פייער.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָבן אַלע גענומען זעגן, העק, האַמערס און הובלען און מע איז מיט געזאַנג אַוועק אין וואַלד. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געהאַקט בוימער, געזעגט ברעטער און געהובלט. מען האָט געבראַכט טשוועקעס און זיך גענומען צונויפקלאַפּן די וועגע־לעך. שפּעטער האָבן זיי גענומען מאַכן די רעדער. דאָס איז געווען אַביסל שווערער, אָבער מע האָט די רעדער אויך געמאַכט און ארויפ־געטאָן אויף די אַקסן. דערנאָך האָבן זיי געבראַכט די ציגן, איינגע־שפּאַנט זיי אין די וועגעלעך און מיט פרייד־געשרייען געקומען צו זיך אויפן הויף. דאָרטן האָבן זיי די וועגעלעך אָפּגעפאַרבט אין פאַרשי־דענע קאָלירן: רויט און בלוי און געל און גרין — אַז ס׳איז געווען אַ פרייד צו קוקן. און גלייך ווי די פאַרב איז טרוקן געוואָרן, האָבן די קינדער זיך גענומען פּאַקן אין וועג אריין. זיי האָבן צוגעגרייט אויף אַ פּאָר טעג עסן, איינגעפּאַקט זייער געצייג און אַלע זייערע זאַכן און זיך געלאָזט פאָרן.

צוויי טעג זיינען זיי געפאָרן און צוויי נעכט זיינען זיי געשלאָפן אין פעלד. אויפן דריטן טאָג, נאָך גאָר פרי, זיינען זיי אָנגעקומען אין דער שטאָט, פון וואַנען מע האָט זיי פאַרטריבן.

באַגינען האָבן מענטשן דערהערט עפּעס אַ מעקען פון ציגן. וואונדערן זיך אַלע: פון וואַנען קומען אהער ציגן? וואָס קען דאָס זיין? און ווי זיי וואונדערן זיך אזוי — ערשט מע דערהערט א פריי־לעך געזאַנג פון קינדער:

> קעניג טשיק האָט ליב א טריק:
> ער גייט ארום הין און צוריק.
> ער קריכט אויף א בערגל
> און גליטשט זיך צוריק.
> ער׳ט פאַרשמירט זיין מאַנטל —
> טוט נאָר אַ קוק!

האָבן די עלטערן דערקענט די שטימען פון זייערע קינדער און

ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד אין שטאָט. די טאַטעס און די מאַמעס האָבן געקושט די קינדער און מיט גרויס פּאַראַד זיי געפירט אהיים. שפּעטער האָט מען די וועגעלעך מיט די ציגן געבראַכט צו אַ ליידיקן פּלאַץ. די טאַטעס מיט די עלטערע אינגלעך האָבן אויפגעקלאַפּט אַ שאָפּע פאַר די וועגעלעך און אַ שטאַל פאַר די ציגן. די קלענערע קינדער האָבן געגעבן די ציגן עסן און טרינקען, און אויסגעבעט פאַר זיי שטרוי צום שלאָפן.

די קינדער האָבן ווידער זיך באַוויזן אויף די גאַסן, און די גאַסן זיינען פריילעך געוואָרן פון קינדערשן טומל.

איינמאָל האָבן די קינדער דערזען דעם קעניג טשיק ווי ער דרייט זיך אַרום לעבן זיין בערגל הין און צוריק און טוט שוין ווידער אָפּ זיין טריק — האָבן זיי זיך ניט געקענט איינהאַלטן און זיך צעזונגען:

קעניג טשיק האָט ליב אַ טריק:
ער גייט אַרום הין און צוריק.
ער קריכט אויף אַ בערגל
און גליטשט זיך צוריק.
ער׳ט פאַרשמירט זיין מאַנטל —
טוט נאָר אַ קוק!

דער קעניג איז געוואָרן שרעקלעך אין כעס. זיינע ליפּן זיינען אים אַזש בלוי געוואָרן, די פינגער האָבן גענומען צופּן זיין מאַנטל. אויף גיך איז ער אַוועק אַהיים און גלייך פאַררופן זיינע מיניסטאָרן צו זיך. ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש, אַז די פענסטער האָבן אַזש געציטערט, און אַ געשריי געטאָן: „איך וועל אייך די קעפּ אַרונטערהאַקן אויב איר וועט מיר ניט צוקלערן אַ פּלאַן צו פאַרשיקן די קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך שוין מער קיינמאָל ניט קאָנען אומקערן אַהיים. איך מוז פון זיי פּטור ווערן, אַז ניט וועל איך אייך די קעפּ אַרונטערהאַקן!"

די מיניסטאָרן זיינען, ניט-טויט, ניט-לעבעדיק, אַרויס פון קעניג׳ס פּאַלאַץ. זיי האָבן זיך פאַרקליבן צו איין מיניסטער אין הויז און זיך אַוועקגעזעצט קלערן. און זיי האָבן אַזוי לאַנג געטראַכט און געטראַכט, און ווידער געטראַכט, ביז זיי זיינען געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן:

מע זאָל די קינדער אַוועקפירן אויף אַ ווייטן אינדזל ערגעץ אויף אַ גרויסן טייך. וועלן זיי דאָרטן זיין אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט וואַסער. שווימען וועלן זיי אַזוי ווייט ניט קענען — וועלן זיי שוין מוזן דאָרט פאַרבלייבן.

דער פּלאַן איז דעם קעניג געפעלן געוואָרן. ער האָט גלייך באַפוילן אויפצובויען אַ הויז אויפן אינדזל און אין צוויי וואָכן אַרום האָבן זיינע סאָלדאַטן מיט ביקסן צונויפגעטריבן אַלע קינדער אויף אַ שיף און זיי אַוועקגעפירט צום ווייטן אינדזל. מע האָט זיי ארונטערגעלאָזט אויפן ברעג און די שיף איז אָפּגעשוואומען צוריק.

3

די קינדער האָבן ווידער זיך איינגעטיילט מיט דער אַרבעט און ווידער גענומען פירן אַ זעלבסטשטענדיק לעבן. מע האָט געכאַפּט פיש, געקליבן יאַגדעס און פרוכט און וואָס מע האָט נאָר געקענט געפינען צום עסן. מע האָט אפילו צעגראָבן אַ שטיקל ערד און געמאַכט אַ גאָרטן. האָבן זיי זיך אָבער געכאַפּט, אַז קיין קערנער האָבן זיי ניט מיטגעבראַכט. איז זיי געוואָרן אומעטיק אויפן האַרצן... און דאָ האָבן נאָך די ציגן זיי שטאַרק אויסגעפעלט... זיינען אָבער אויפן אינדזל געווען אַ סך פאַרשידענע פויגל און ווילדע קאַטשקעס און גענדז. האָט לייבל זיך באַטראַכט, אַז עסן פיש און נאָך אַמאָל פיש ווערט נמאס. וואָס־זשע טוט מען? יאָ, ער ווייסט וואָס צו טאָן.

אין אָוונט, ווען די קינדער זיינען געזעסן ארום זייער פייער, זאָגט לייבל: „הערט, חברה! עס געפינען זיך דאָ אַזוי פיל ווילדע קאַטשקעס און גענדז — פאַרוואָס זאָלן מיר עסן נאָר פיש?”

— „געבראָטענע קאַטשקעס איז טאַקע זייער געשמאַק, ניאַם־ניאַם־ניאַם!” האָט זיך איין אינגעלע אַ רייב געטאָן דאָס בייכל. — „און וואו נעמט מען ביקסן און קוילן אויף צו שיסן?” רופט זיך אָן אַ צווייטער.

צעלאַכט זיך לייבל: „נאָר מיט ביקסן קאָן מען שיסן? לאָמיר מאַכן בויגנס מיט פיילן — זיי שיסן כמעט אַזוי גוט ווי ביקסן. הא,

וואָס זאָגט איר דערצו, חברה?״
די קינדער האָבן זיך דערפרייט. סע וועט שוין זיין עפּעס נייעס

צו טאָן. און אויף מאָרגן האָט מען זיך גלייך גענומען צו דער אַר־בעט. מען האָט אָנגעשניטן דינע שטעקעלעך און זיי איינגענעצט אין וואַסער — האָבן זיי זיך שוין געקענט בויגן. דערנאָך האָט מען שטייף אָנגעצויגן אויף זיי שטריקלעך — איז געוואָרן בויגנס! דער־נאָך האָבן זיי גענומען צווייגן און זיי פאַרשפּיצט מיט מעסערלעך און נאָך צוגעבונדן עפּעס אַ שווערע זאַך, זיי זאָלן קאָנען בעסער פליען — איז געוואָרן פיילן. ערשט דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ לעבעדיקע וועלט:

— „איך וויל גיין אויף יאַגד!״ — „ניין, איך וויל גיין!״ האָבן די קינדער געטומלט. אַלע האָבן געוואָלט גיין אויף יאַגד.

האָט לייבל אַ קאמאנדעווע געטאָן: „מע וועט גיין נאָך דער ריי נאָך. שטעלט זיך אויס! די ערשטע זעקס גייען היינט. די צווייטע זעקס — מאָרגן, די דריטע — איבערמאָרגן, און אזוי ווייטער, ביז די לעצטע, אַ חוץ די קלענסטע, ווייל זיי דאַרף מען ערשט לערנען שיסן״.

איז טאַקע אזוי געווען. און פלייש איז שוין געווען איבערגענוג. און די קינדער האָבן זיך געגרויסט מיט זייער פאַנג. דאָס שיסן איז ביי זיי געווען א גרעסערע בריה׳שאַפט ווי כאַפּן פיש.

נאָר ברויט, אַ פריש שטיקל ברויט, א פּלעצל אַמאָל, און טאַקע אַ קיכל פון צייט צו צייט האָט אויסגעפעלט. ווער רעדט נאָך פון שאָקאָלאד אָדער צוקערקעס — ס׳האָבן אַזש די מיילער געוואַסערט, ווען מען האָט זיך דערמאָנט אָן דעם...

און נאָך עפּעס האָט אויסגעפעלט: פאָרט ווילט זיך, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן זיין דערביי און זען, ווי אזוי זיי גייען אויף יאַגד און קע־נען שיסן, און ווי אזוי זיי כאַפּן גרויסע פיש, און ווי די קינדער קענען אַלץ מאַכן און אַלץ אַליין טאָן... און די בענקעניש איז אַלץ געוואָקסן, דערהויפּט ביי די קלענערע קינדער. און ווידער האָבן זיך גענומען הערן שטילע זיפצן, שטילע געוויינען.

האָבן די עלטערע קינדער גענומען טראַכטן וועגן פּלענער ווי

אזוי זיך דערשלאָגן אַהיים. האָבן זיי געטראַכט, און געטראַכט, ביז, איינמאָל, אין אַ זוניקן פרימאָרגן נאָך אַ שטורעם, האָבן זיי דערזען שווימען אויפן וואַסער אַ גרויס פלאַך שטיק האָלץ. זאָגט לייבל: „זעט נאָר, קינדער, סע שווימט עפּעס!" טראַכט ער אַ ווײַלע. — „גוט!" טוט ער זיך אַ קלאַפּ אין שטערן — „שיפלעך, אָט וואָס מיר דאַרפן!" און גלייך האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: — „חברה, מיר גייען בויען שיפלעך! קומט נאָך האָלץ!"

און חברה האָט זיך מוטיק גענומען צו דער אַרבעט. מע האָט געהאַקט בוימער, געזעגן ברעטער, געקלאַפּט און אין אַ קורצער צייט פאַרטיק געמאַכט עטלעכע שיפלעך. אפילו וועסלעס האָבן זיי אויס־געשניצט און איינגעריבן מיט זאַמד, זיי זאָלן גלאַט ווערן. אַלץ איז געווען גרייט, נאָר ניט פאַר אַלע קינדער מיט אַמאָל. האָבן זיך צוועלף קינדער ארייננגעזעצט אין דריי שיפלעך און האָבן זיך געלאָזט שווימען איבערן וואַסער אויספאָרשן ווי ווייט עס איז צו אַ ברעג. אָפּ־געשוואומען אזוי אַ שטיק וועג — האָבן זיי פון ווייטנס דערזען אַ באַרזשע. זיינען זיי צוגעקומען נענטער און גענומען שרייען: — „היי! ווער איז דאָרט אויף דער באַרזשע? היי! רופט זיך אָפּ! היי!" קיינער האָט ניט געענטפערט. שיפן זיי זיך צו גלייך צו דער באַר־זשע — זעען זיי אז קיינער איז אויף איר נישטאָ. ווערט א שמחה: „לאָמיר זי שלעפּן צו זיך אויפן אינדזל! זי וועט אונדז קענען פירן אַהיים! לאָמיר זי נעמען!"

— „וואַרט אַ ווײַלע, — זאָגט לייבל, — „פאַרוואָס איז זי דאָ עפּעס אליין? וואָס איז מיט איר? איך און חיים וועלן ארויפקריכן און זען!" זיי האָבן זיך ארויפגעדראַפּעט, ארומגעקוקט די באַרזשע אינווייניק און דערזען, אַז זי איז צעבראָכן.

— „ווי דענקסטו, לייבל, אפשר זי צורעכטמאַכן?" זאָגט חיים.

— „אַוואַדע צורעכט מאַכן!" פרייט זיך לייבל, „לאָמיר אויסזוכן שטריק און ברענגען צושלעפּן צום אינדזל. וועט דאָס זיין א סורפּריז, האַ?" האָבן זיי גענומען זוכן און טאַקע געפונען שטריק. האָבן זיי די באַרזשע צוגעבונדן צו די שיפלעך און גענומען שווימען צום אינדזל.

פון ברעג האָבן די קינדער דערזען, אַז די שיפלעך קומען אָן

און שלעפן עפּעס מיט זיך אַזאַ גרויסע פלאַכע זאַך. שטייען זיי און וואונדערן זיך — וואָס קען דאָס זיין? ערשט זיי דערזעען אַ באַרזשע! איז געוואָרן אַ טומל, אַ געשריי און א פרייד! קינדער האָבן זיך געוואָרפן איינס אויף ס'אַנדערע און געשריגן. די שיפלעך זיינען צוגעקומען צום ברעג, און אַ סך קינדער זיינען אריינגעשפּרונ־גען אין וואַסער העלפן צושלעפן די באַרזשע. מע האָט זי ארומגע־קוקט, ארומגעטאַפּט און אויסגעפונען וואו מע דאַרף זי צורעכט מאַכן.

יענע נאַכט זיינען די קינדער כמעט ניט געשלאָפן פון גרויס אויפרעגונג און אומגעדולד. פאַרטאָג זיינען זיי אויפגעשטאנען, אויף גיך אָפּגעגעסן און באלד האָט זיך דאָס פריילעכע קלאַפּן פון האַמערס צעטראָגן איבערן שטילן טייך און דער עכאָ האָט אָפּ־געענטפערט מיטן זעלבן „בו־בו־בו!" ווי די האַמערס האָבן אויס־געקלאַפּט.

אין דריי וואָכן אַרום איז די באַרזשע פאַרטיק געוואָרן, און די קלענערע קינדער האָבן זי באַפּוצט מיט גענדזענע פעדערן און אפילו עטלעכע קאָלירטע פעדערן פון פויגל, אַז זי זאָל זיך טראָגן איבערן וואַסער אזוי גרינג ווי אַ פעדער. — דאַן זיינען אלע ארויף אויף דער באַרזשע און זיך געלאָזט שווימען.

צוויי טעג און דריי נעכט זיינען זיי אזוי געשוואומען, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א ברעג. עס איז שוין געווען האלבע נאַכט. אַז זיי זיינען ארונטער פון באַרזשע האָבן זיי דערזען, אַז דאָס איז אַ לופט־פּאַרט. עס שטייען עטלעכע עראָפּלאַנען און אַ גרויסער, גרויסער צעפּעלין. די טרעפּלעך פונם צעפּעלין זיינען ארונטער־געלאָזט, די טיר איז ניט פאַרשלאָסן און עס איז פינצטער. די קינ־דער זיינען געווען שלעפערדיק און סע האָט געבלאָזט א קילער ווינט. זאָגן א פּאָר אינגלעך: — „לאָמיר אריין אין צעפּעלין איבערשלאָפן די נאַכט." זאָגט זעלדע: — „און וואָס וועלן מיר טאָן, אַז מע וועט אונדז אָנשלאָגן דערפאַר?" רופט זיך אָפּ לייבל: „קלייבט אַלע אָן שטיינער אין די קעשענעס, וואָס מער, און טאָמער וויל מען אונדז שלאָגן — וועלן מיר זיך ווערן מיט די שטיינער, מירן געבן צוריק!"
האָבן זיי אזוי געטאָן. אלע האָבן אָנגעקליבן שטיינער, זיינען אריין

אין גרויסן צעפּעלין און זיך צעלייגט הינטער די בענק שלאָפֿן.

אויף מאָרגן, זיי כאַפּן זיך אויף, דערפילן זיי — עס טרייסלט זיך דער צעפּעלין. זיי הערן זיך איין — ערשט, זיי פליען! האָבן זיך א פּאָר אינגלעך שטילערהייט ארויסגערוקט פון הינטער די בענק א קוק טאָן — און פלוצים זאָגט חיים: — „לייבל, אָט איז דיין טאַטע!" לייבל טוט א קוק: „אוי, — ס'איז טאַקע זיין טאַטע איינער פון דער מאנשאַפט! „טאַטע, טאַטע, אָט בין איך!" — האָט לייבל אויסגעשריגן און צוגעלאָפן צו זיין טאַטן. נאָך עטלעכע אינגלעך האָבן דערזען זייערע טאַטעס. ס'איז געוואָרן אַ טומל און א פרייד — ניט איבערצודערציילן. די קינדער האָבן זיך גענומען בעטן ביי די טאַטעס, זיי זאָלן פועלן ביים קאַפּיטאַן פון צעפּעלין ער זאָל זיי ברענגען אַהיים. זיי ווילן וואָס שנעלער זען די מאַמעס, און טאַקע זיך אָפּרעכענען מיטן קעניג טשיק. האָבן די טאַטעס דערציילט די גאַנצע מעשה דעם קאַפּיטאַן און איבערגעזונגען פאר אים דאָס לידל, האָט זיך דער קאַפּיטאַן זייער שטארק צעלאַכט. אָבער ער איז אויך אין כעס געוואָרן אויפן קעניג און האָט גלייך פארקירעוועט די לופט־שיף צום קעניג'ס שטאָט.

ווען זיי זיינען צוגעקומען איבערן פּאַלאַץ, האָבן די קינדער אויסגערופן: — „מירן אים פאַרוואַרפן מיט שטיינער!" און פלוצים האָט זיך דערהערט אין דער לופט אַ בום־בום! בום־בום! דאָס האָבן די קינדער געשליידערט פון צעפּעלין שטיינער אויפן פּאלאַץ.

דער קעניג איז גראָד געשלאָפן. פלוצים דערהערט ער—ס־טראַס־קעט עפּעס — בום־בום־בום! און דער דאַך ציטערט. מיינט ער — עס חולמט זיך אים. וויל ער ווידער איינשלאָפן. אָבער באלד דער־פילט ער א שטארקן זעץ אין פּוס אריין און אזא טראַך פון גלאָז, אַז ער האָט אזש א קוויטש געטאָן. האָט ער זיך צעשריגן: „הילף, הילף!" זיינען זיך די הויף־לייט צוזאמענגעלאָפן און די שטיינער זיינען געפלויגן אויף אלעמען: אין די פּיס, אין קאָפּ, אין די פּליי־צעס. אויף איין שטיין וואָס איז געפאלן גלייך אויפן קעניגס שטול איז געווען צוגעבונדן אַ צעטעלע: „דאָס זיינען מיר, די קינדער, וואָס דו, קעניג, האָסט פאַרטריבן פון שטאָט. מיר האָבן א צעפּעלין, און מיר וועלן דיין פּאַלאַץ מיט שטיינער צעשמעטערן, אויב דו וועסט

אונדז ניט צוזאָגן, אַז דו וועסט אונדז מער ניט פאַרשיקן פון שטאָט און פון אונדזערע היימען. אויב דו זאָגסט עס׳ אונדז צו, העגג ארויס אַ ווייסע פאָן אויפן דאַך!״

דער קעניג טשיק האָט גלייך געהייסן ארויסהענגען א גרויסע ווייסע פאָן אויפן דאַך, און עס איז געוואָרן שלום.

# די מעשה פון אַ פייגעלע-טריק און אינגל-יאַט

1

קעניג טשיק האָט געהאט א פרוי, וועלכע מע האָט גערופן טשיק-טשעריק, און זיי האָבן געהאט א טאָכטער, האָט זי געהייסן דערעדיק.

ווען די טאָכטער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָבן טאַטע-מאַמע איר געקויפט א געבורטסטאָג-מתנה, אַ זינג-פייגעלע, וואָס האָט געהייסן — פייגעלע-טריק.

האָט די טאָכטער געזאָגט צו פייגעלע-טריק: „אָט דאָ זאָלסטו וואוינען אין מיין שיינעם גאָרטן, און זאָלסט מיר זינגען לידעלעך אַלע טאָג”.

דער קעניג טשיק האָט געהאט אַ זייער לייכטן שלאָף. טאָמער האָט אימיצער פון ווייטן אַ ניס געטאָן, אָדער אַ הוסט געטאָן אָדער אַפילו געגאַנגען פאַרביי זיין פּאַלאַץ, פלעגט ער זיך גלייך אויפּ־כאַפּן פון שלאָף, און נעמען זיך בייזערן פאַרוואָס מע וועקט אים.

האָט געטראָפן אַ זייער שיינער פרימאָרגן, די זון האָט זיך נאָרוואָס אויפגעכאפּט פון שלאָף און האָט גענומען באַפאַרבן דעם טיף-בלויען הימל מיט רויטע און ראָזעווע קאָלירן.

פייגעלע-טריק וואָס איז גראָד געשלאָפן אויף דעם קעניג טשיקס פענצטער, האָט זיך אויפגעכאפּט, און אַז זי האָט דערזען דעם רויט־ראָזעווען הימל, האָט זי זיך אזוי דערפרייט, אַז זי האָט ארויסגע־

זינגען איר פייגעלשע לידעלע: „טשיק, טשיק".

דער קעניג טשיק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף א בייזער און גענומען שרייען: „היי, ווער רופט דאָס מיך אזוי פרי?"

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. אָבער דאָס פייגעלע טריק האָט ווידער ארויסגעזונגען איר לידעלע: „טשיק, טשיק!" וואָס האָט געמיינט אויף אונדזער שפּראַך: „גוט מאָרגן, זון!"

ווי דער קעניג טשיק האָט דערזען דאָס פייגעלע אויף זיין פענצטער, איז ער אריינגעפאַלן אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז ער האָט שיר ניט צעקלאַפּט פייגעלעס קאָפּ מיט זיין שטעקן. איז פייגעלע טריק אויך בייז געוואָרן און האָט געגעבן אים אין נאָז אַזאַ פּיק, אַז די נאָז איז ביים קעניג טשיק געשוואָלן געוואָרן, געוואָרן רויט און בלוי, גענומען וואַקסן און וואַקסן, ביז זי איז געוואָרן אזוי גרויס, שיר ניט ווי ביי אַ העלפאַנט.

ווען זיין פרוי, די קעניגן טשיק-טשעריק איז אריינגעקומען צו אים אין צימער און האָט דערזען זיין נאָז — האָט זי זיך צעלאַכט:

— „אוי וואָס פאר א נאָז דו האָסט געקראָגן, מיין מאַן טשיק! טו נאָר אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל! כאַ, כאַ, כאַ! אוי, סאַ נאָז!"

האָט קעניג טשיק געזאָגט אַ בייזער: —

— „דאָס האָט מיר דאָס פייגעלע טריק געגעבן אין דער נאָז אַ פּיק. איך וועל עס פאַריאָגן פון דאַנען! פאַריאָגן וועל איך עס! עס וועט מיך שוין מער ניט רופן פאַרטאָג!"

קומענדיקע נאַכט האָט זיך שוין פייגעלע-טריק ניט געלייגט שלאָפן אויף דעם קעניג טשיק'ס פענצטער. עס האָט פיינט געקראָגן דעם קעניג טשיק. האָט זיך עס געלייגט שלאָפן אויפן פענצטער פון דער קעניגין טשיק-טשעריק.

אויפן צווייטן פרימאָרגן האָט ווידער געטראָפן אז די זון איז ארויס אויף אַ לויטערן שיינעם הימל, און דערפאַר האָט זי צעגאָסן אירע ליכטיקע ראָז-גאָלדענע שטראַלן מיט אַזאַ וואַרימקייט איבער דער וועלט, אַז פייגעלע טריק האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און פריילעך ארויסגעזונגען:

„טשיק-טשעריק, טשיק-טשעריק! גוטמאָרגן, זון!"

האָט די קעניגין טשיק-טשעריק זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף פון

שלאָף ניט טויט, ניט לעבעדיק, און גענומען שרייען: „ווער רופט דאָס מיך אזוי פרי?"

קיינער האָט ניט געענטפערט, ווייל אלע זיינען נאָך געשלאָפן. נאָר דאָס פייגעלע טריק האָט די ערשטע דערזען ווי שיין עס קוקט אויס די וועלט — האָט עס ווידער גענומען זינגען: „טשיק-טשעריק! טשיק-טשעריק!"

האָט די נאַרישע פרוי דערזען דאָס פייגעלע, — איז זי זייער בייז געוואָרן און האָט אויף דעם אַ גאָס געטאָן אַ קרוג וואַסער. האָט איר דאָס פייגעלע טריק געגעבן אין דער נאָז אַזאַ פּיק, אַז די נאָז איז איר געוואָרן ברוין און בלוי און האָט גענומען וואַקסן און וואקסן, אַזש ביז איבער איר קאָפּ.

ווען דער קעניג טשיק איז אַריין צו זיין פרוי אין צימער, האָט ער זיך שוין געהאלטן פאַר די זייטן לאַכנדיק: „אַהאַ, זע נאָר אַ נאָז! טו נאָר אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל! אוי, אַ נאָז!"

די קעניגין טשיק-טשעריק האָט א קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל — און האָט זיך אַזש צעכליפּעט פאַר פאַרדרוס.

האָבן זיי גלייך געשיקט נאָך זייער טאָכטער דערעדיק, און איר באַפוילן צו דער׳הרג׳ענען דאָס פייגעלע טריק.

האָט זיך דאָס מיידעלע דערעדיק קוים איינגעהאלטן פון געלעכטער, קוקנדיק אויף די צוויי נעזער, נאָר זי האָט געזאָגט:

— „אָט אַ שלעכט פייגעלע! פאַרוואָס האָט זי אייך געמאַכט אזעלכע געשוואָלענע נעזער?"

האָבן איר קעניג טשיק און קעניגין טשיק-טשעריק דערציילט אַז איר פייגעלע טריק רופט זיי אלע פרימאָרגן, ווען זיי ווילן נאָך שלאָפן, און זיי ווילן דאָס ניט ליידן. האָט דאָס מיידעלע דערעדיק זיי צוגעזאָגט, אז דאָס פייגעלע טריק וועט זיי שוין מער ניט וועקן.

און דערעדיק איז ארויס צום פייגעלע און געזאָגט:

— „פייגעלע-טריק! דו זאָלסט ניט וואַגן מער צו רופן מיין טאַטע און מאַמע אין דער פרי, דו הערסט?"

ענטפערט דאָס פייגעלע: „טשיק! טשיק-טשעריק!"

איז דאָס מיידעלע דערעדיק בייז געוואָרן און איז צוריק אריין אין הויז.

יענע נאַכט טראַכט זיך דאָס פייגעלע: — ס'איז שלעכט! מע דאַרף זיך שוין היינט לייגן אויף דעם מיידעלעס פענצטער. זי האָט מיך ליב, וועל איך קענען זינגען וויפיל איך וויל און ווען איך וויל.

ווען דאָס פייגעלע טריק האָט זיך אויפגעכאַפּט יענעם פרימאָרגן פון שלאָף איז זי פאַרגאַפּט געוואָרן פון דער שיינקייט וואָס זי האָט דערזען.

דער הימל איז געווען פון איין זייט נאָך טיף-בלוי, נאָר פונקט אַנטקעגן, פון דער צווייטער זייט, זיינען ארומגעשווימען גינגאָלדענע וואָלקענדלעך.

דאָס האַרץ האָט גענומען שפּרינגען ביי פייגעלע-טריק פון פרייד, און איר קול האָט געקלונגען נאָך שענער ווי אַלע מאָל, ווען זי האָט הילכיק אַרויסגעזונגען איר גוט-מאָרגן צו דער זון:

„טשיק-טשעריק! דערעדיק, דערעדיק, טשיק-טשעריק! דע-רעדיק, דערעדיק, טשיק!"

האָט זיך דאָס מיידעלע דערעדיק אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און האָט זיך צעשריגן:

— הער מיך אויף צו רופן, דו שלעכטער פויגל! ס'איז נאָך פינצטער. איך וויל שלאָפן!

נאָר פאַר פייגעלען איז שוין מער ניט געווען פינצטער. די זון האָט שוין באַוויזן איר ליכטיק פנים און געוואַרעמט די וועלט.

זינגט ווידער דאָס פייגעלע-טריק:

— „טשיק, דערעדיק! טשיק-טשיריק, דערעדיק! טשיק!"

שפּרינגט אויף דאָס מיידעלע דערעדיק און טוט אַזאַ שטאַרקן וואָרף איר קישן אויפן פייגעלע, אַז דאָס פייגעלע איז שיר ניט דער-שטיקט געוואָרן. האָט דערפאַר שוין פייגעלע טריק איר אויך גע-געבן אין נאָז אַזאַ פּיק — אַז די נאָז איז ביי איר גלייך געשוואָלן געוואָרן ווי אַ טרובע.

גייען זיי שוין אַלע דריי אַרום, דער טאטע, די מאַמע און די טאָכטער, מיט געשוואָלענע נעזער. גייען זיי אזוי שפּאַצירן אין זייער גרויסן, רייכן זאָאָלאָגישן גאָרטן. זאָגט צו זיי דער העלפאַנט:

— „ווי קומען עס צו אייך, מענטשן, אַזעלכע נעזער? איר קוקט

דאָך אוים כמעט אזוי ווי מיר, העלפאנטן, — ניט מער, איר זענט קלענער, און גייט אויף צוויי פיס".

צעשרייט זיך קעניג טשיק:

— „דאָס האָט דאָס פייגעלע טריק אונדז די נעזער צעפיקט! עס רופט אונדז אַלע פרימאָרגן, שרייט אוים אונדזערע נעמען און וועקט אונדז פון שלאָף!"

צעלאַכט זיך דער העלפאַנט, אז די אויערן זיינע צעשאָקלען זיך אזש.

— „אוי, ווי נאַריש די מענטשן זיינען! פארשטייט איר דען ניט דעם פייגעלעס שפּראַך? ווען עס' זינגט: „טשיק-טשעריק, דע־רעדיק, טשיק!" מיינט זי ניט אייערע נעמען — זי מיינט צו זאָגן: גוט מאָרגן, זון, גוט מאָרגן, שיינע וועלט! דאָס איז איר שפּראַך. זי קען אנדערש ניט רעדן".

ניט ווייט פון דעם שיינעם פּאַלאַץ וואו דאָס מיידעלע דערעדיק האָט געוואוינט, האָט זיך געפונען נאָך א שיין הויז און דאָרט האָט געוואוינט דער מיידעלעס אַ פרייט, א אינגעלע. האָט זיך דערעדיק פאַר אים פארקלאָגט, אז איר ניי פייגעלע טריק פיקט זיך, און מע וועט דאָס דארפן דערווערגן.

זאָגט דאָס אינגעלע: „דו לאָז דאָס צו מיר! איך וועל עס אָפּ־ווארטן אַ גאַנצע נאַכט אין גאָרטן, און ווען פייגעלע וועט נעמען דיך רופן — וועל איך עס כאפּן!"

זאָגט דאָס מיידעלע: „און וואָס וועסטו טאָן, אז עס וועט דיך אויך צעפיקן?"

— „וואָס? מיך צעפיקן?" צעלאַכט זיך דאָס אינגל. „איך בין אַ יאַט! מיך פיקט מען ניט! איך האָב פאַר קיינעם ניט קיין מורא, און פאַר א פייגעלע אודאי ניט! איך וועל איר שוין ווייזן ווי אזוי צו פּיקן מיינע פריינט!"

און אזוי איז טאַקע געווען. דאָס אינגל וואָס רופט זיך אליין אָן יאַט, איז געזעסן אַ גאַנצע נאכט אין גאָרטן און געהיט דאָס פּיי־געלע טריק, און פארטאָג, אזוי שנעל ווי דאָס פייגעלע טריק האָט נאָר וואָס געוואָלט צעעפענען דאָס מויל א זינג צו טאָן, האָט דאָס

אינגל עס געגעבן א כאפּ, און עס איז שוין געלעגן ביי אים אין האנט.

האָט פייגעלע טריק זיך גענומען בעטן ביי אים:

— „לאָז מיך אָפּ! איך האָב קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. איך האָב בלויז מיינע לידלעך געזונגען צו דער זון. טייער אינגל, לאָז מיך אָפּ!"

זאָגט דאָס אינגל, וואָס איז אַ יאַט:

— „קיינעם האָסטו קיין שלעכטס ניט געטאָן? און די נעזער האָסטו ביי מיינע פריינט ניט צעפּיקט? ניין? און אלע לאכן ניט פון זיי? ניין? מער וועסטו זיך שוין ניט פּיקן. איך וועל דיך דער־שטיקן!"

דערשרעקט זיך זייער דאָס פייגעלע טריק, און זי בעט זיך מיט אַ געוויין: „איך וועל שוין מער קיינעם ניט פּיקן! סיידן דו אַליין וועסט מיר הייסן עמיצן פּיקן. נאָר פאר דיר אַליין וועל איך פּיקן!"

זאָגט אינגל־יאַט:

— „אזוי, נאָר ווען איך וועל הייסן? דאָס איז א פּלאַן! און ווי אזוי וועסטו וויסן ווען איך וויל דו זאָלסט פּיקן?"

זאָגט דאָס פייגעלע: „אז דו וועסט שטיין לעבן עמיצן און וועסט א פייף טאָן „פּיו־פּיו" — וועל איך שוין וויסן אז דעם דאָ־זיקן מענטשן דארף איך א פּיק טאָן".

געפעלט דאָס דעם אינגל־יאַט, און ער לאָזט דאָס פייגעלע פריי.

2

גייט אזוי דאָס אינגל, וואָס רופט זיך אליין „אינגל־יאַט" איבערן שטאָט שפּאצירן. דערזעט ער אויפן גאָס אַ גרופּע קליינע קינדער, וואָס שפּילן זיך אויפן טראָטואר, און א פעטער, דיקער מאן גייט דורך, און ער טוט א שטופּ די קינדער מיטן פוס — „וואָס האָט איר זיך דאָ אזוי צעשפּרייט, און לאָזט קיין מענטשן ניט דורכגיין? אוועק פון וועג!"

גייט צו צו אים אינגל־יאַט און זאָגט:

— „איר זענט דאָך א גרויסער, וואָס גייט איר ניט אָפּ אָן א זייט?" זאָגט צו אים דער פעטער מאַן:

— „העי, דו שנעק! וואָס מישסטו זיך אין פרעמדע געשעפטן? אַט כאפּסטו באַלד אַ פּאַטש!"

ענטפערט אים שוין אינגל־יאַט גאָרניט, ער טוט בלויז א קוק אויף אים און גיט א פייף „פּיו־פּיו!" פליט גלייך צו דאָס פייגעלע־טריק, און גיט דעם פעטן מאן אין זיין נאָז אַזאַ פּיק — אַז ער האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן פאר ווייטיק, און די נאָז איז אים געשוואָלן געוואָרן ווי אַ באַרג.

— „אָט דאָס קריגט מען ווען מע איז שלעכט צו קליינע קינדער!" האָט אים אינגל־יאַט געזאָגט, און איז זיך ווייטער אַוועק אויף זיין שפּאציר.

אויף א צווייטער גאַס דערזעט ער ווי א קליין אינגעלע פאָרט אויף זיין בייסיקל. גייט צו א גרויסער אינגל, וואָס גייט פון שול מיט אַ פּאַק ביכער, און וויל ביי אים צונעמען דאָס בייסיקל זיך דורכפאָרן. וויל דאָס אינגעלע אים נישט געבן. נעמט דאָס גרויסע אינגל און טוט אים א קלאַפּ מיט די ביכער איבערן קאָפּ. צעוויינט זיך דאָס קינד. רופט זיך אָפּ אינגל־יאַט: „ווי שעמסטו זיך ניט צו שלאָגן אַ קלענערן פון זיך? ס'איז דאָך ניט דיין בייסיקל, וואָס־זשע טשעפּעסטו זיך צום קינד?"

זאָגט דאָס שלעכטע אינגל: „און ווער ביסטו? וועסט באַלד אויך כאַפּן, אויב דו ווילסטו!"

ענטפערט ניט אינגל־יאַט. ער טוט בלויז א פייף: „פּיו־פּיו!" און דאָס פייגעלע־טריק וואַקסט גלייך אויס לעבן זיי און גיט דעם שלעכטן אינגל אין דער נאָז אזא פּיק, אַז ער טוט אַזש אַ קוויטש און די ביכער צעפאַלן זיך ביי אים, און די נאָז ווערט אזוי גרויס ווי אַ מאַראַנץ.

— „וועסט שוין וויסן אויף א צווייטן מאָל, ווי זיך צו טשעפּען", זאָגט אים אינגל־יאַט, און גייט אוועק.

שפּעטער גייט ער פאַרביי א קינדערגאָרטן. זעט ער ווי אַ גרופּע שול־אינגלעך און מיידלעך שטייען ביי די פענצטער און שרייען און מאַכן טומל, און אינווייניק זיצן קליינע קינדער ביי די טישלעך, און די לערערין וויל זיי דערציילן א מעשה. נאָר צוליבן טומל ביי די פענצטער קענען די קינדער ניט הערן די מעשה.

זיצן זיי ניט רואיק, דרייען זיך אלע מאָל אום צו די פענצטער, און די לערערין בעט זיך ביי די טומלער זיי זאָלן אוועקגיין פון דאָרטן.

— „פאַרוואָס שטערט איר דער לערערין? איר זענט דאָך שוין שול-קינדער, מעגט איר פארשטיין! קומט, לאָמיר בעסער אוועק־גיין פון דאנען!"

נעמען די אינגלעך און מיידלעך פון אים לאכן, רופן אים אָן מיט צונעמענישן, און הויבן אים אָן שטופּן.

זעט שוין אינגל-יאַט מיט וועמען ער האָט צו טאָן, זאָגט ער גאָרנישט, נאָר ער טוט אַ פייף: „פיו-פיו!" דאָס פייגעלע קומט גלייך צופליען. זעט עס אזוי פיל קינדער, ווערט עס צעטומלט, און ווייסט ניט וואָס צו טאָן..

„אַלעמען!" טוט אַ קאָמאנדעווע אינגל-יאַט, און פייגעלע טריק נעמט זיך די נעזער פּיקן: איינס-און צוויי, און דריי, און פיר — און אז די אינגלעך צעשרייען זיך, און אז די מיידלעך צעקוויטשען זיך — די נעזער זיינען ביי זיי געוואָרן ווי גרויסע רויטע בוריקעס!

„איצט וועט איר שוין וויסן ווי אזוי צו שטערן א לערערין אין דער ארבעט!" האָט אינגל-יאַט זיי געזאָגט און איז אַוועק ווייטער.

אזוי איז ער געגאנגען איבערן שטאָט, און וואו ער האָט נאָר באמערקט אז עפּעס שלעכטס ווערט באגאנגען — האָט ער באלד אַ פייף געטאָן צום פייגעלע און זי האָט שוין אלעס צורעכט געמאכט.

איז ער שוין אָבער מיד געוואָרן, האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק אין פּאַרק. האָט זיך פייגעלע-טריק אוועקגעזעצט אויף א צווייגל פון א בוים, איז געזעסן א ווייל, שטיל זיך ארומגעקוקט אויף דער זוניקער שיינער לאָנקע און אויף די גרינע ביימער און שיינע בלומען און האָט זיך צעזונגען אויפן קול:

„טשיק-טשעריק! דערעדיק, דערעדיק, טשיק-טשעריק! טשיק, טשיק, טשיק!"

אינגל-יאַט האָט זיך אין אָנפאַנג פארוואונדערט: „וואָס רופט עפּעס פייגעלע מיינע פריינט?" האָט ער געטראכט. אָבער ווען מענטשן אויף די בענק אין פּאַרק האָבן צווישן זיך איבערגערעדט: „אוי, וואָס פאר א וואונדערלעכער זינג-פויגל דאָס איז! ווי קומט

אזאַ פויגל אַהער?״ און ווען אַנדערע האָבן געזאָגט: „שאַ־שאַ, לאָמיר הערן ווי דער פויגל זינגט!״ האָט אינגל־יאַט פארשטאַנען, אז פייגעלע־טריק רופט ניט זיינע פריינט, נאָר עס זינגט גאָר א ליד. האָט ער צוגערופן דאָס פייגעלע און געזאָגט:

„פלי וואוהין דו ווילסט, פייגעלע טריק, און זע אז קיינער זאָל דיך ניט כאַפּן! פלי אין וואַלד אריין! נאָר ווען איך וועל דיך דארפן, זאָלסטו קומען צוריק.״

פייגעלע טריק האָט אים באדאנקט און איז אַוועקגעפלויגן אין וואַלד אריין. יעדן פרימאָרגן האָט זי פריי און פריילעך געזונגען. קיינער האָט איר שוין מער ניט געשטערט און זי האָט שוין מער קיינעם נישט געפיקט, נאָר פריי און פריילעך געזונגען טשיק־טשיק, טשיק־טשעריק, טשיק־דערעדיק, דערעדיק, טשיק.

# דער לופט-שווימער

אַלעקס איז געזעסן ביים באַלויכטענעם טיש, געקוקט אויף די ערא־פּלאַנען אין די זונטיקדיקע צייטונגען און האָט זיך האַלב-צוגעהערט צום געשפּרעך, וואָס זיין עלטערע שוועסטער מיט דער מאַמען האָבן געפירט. זיי האָבן גערעדט וועגן זייערער אַ שכנה, מיסעס האַלפּע־רין, און וועגן איר טעכטערל, דאָרעלע, מיט וועלכער אַלעקס גייט אַלע טאָג אין „ווילעדזש-סקול" אריין, און וועלכע ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט.

ביסלעכווייז האָט זיך אָבער זיין געדאַנק אָפּגעקערט פון זייער געשפּרעך. די ווערטער פון זיין שוועסטער און זיין מאַמען האָבן דערגרייכט זיינע אויערן, ער האָט אָבער כמעט גאָרניט געהערט. זיינע אויגן זענען געבליבן אָפן — ער האָט אָבער גאָרניט געזען, ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען.

דער אומעט און די לאַנגווייליקייט אין דאָרף שאַפט אַ שאַרפע בענקעניש, אַז עפּעס זאָל טרעפן, וואָס זאָל צעשטערן די לאַנגווייליקייט: זאָל טרעפן אַ פייער, אַן עקסידענט, אַ שטורם — וואָס ניט איז, אַבי עס זאָל ניט זיין אַזוי שטיל... אַלעקס איז פון דער נאַטור גע־ווען זייער אַמביציעז: זיין גרעסטער וואונטש איז געווען אַז עפּעס זאָל טרעפן טאַקע מיט אים אליין, וואו ער זאָל קענען ארויסווייזן העלדישקייט: ער זאָל קענען עפּעס אויפטאָן אַזוינס, וואָס אנדערע קע־נען ניט. און דערמיט זאָל ער זיך קענען אויסצייכענען.

זיך צוקוקנדיק אַצינד צו די עראָפּלאַנען אין דער צייטונג, איז אים געקומען אויפן געדאַנק אַז מע וואָלט געדאַרפט קענען שווימען אין דער לופט פּונקט אַזוי לייכט ווי אין וואַסער, און אפשר נאָך

לייכטער — מע דאַרף נאָר וויסן וואָסערע באַוועגונגען צו מאַכן.

וואָס מער ער האָט געטראַכט דערפון, אַלץ מעגלעכער איז עס פאַר אים געוואָרן. ער האָט פלוצים דערפילט אַ מאָדנע לייכטקייט אין זיין גאַנצן קערפּער. די הענט און פיס האָבן זיך פון זיך אליין גענומען הויבן און — פלוצים איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן דער גרויסער סוד פון ווערן גרינג ווי אַ פעדער.

ער האָט זיינע הענט אויסגעצויגן אין א גלייכער ליניע מיט זיינע אַקסלען — האָט עס אים באַלד געריררט פון פּלאַץ. ביסלעכווייז האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז געבליבן הענגען צווישן דיל און דער סטעליע. דאַן האָט ער זיך אויסגעגלייכט און זיך אַוועקגעלאָזט שווימען.

די סענסאַציע פון דעם דאָזיקן מאָמענט איז פאַר אלעקס'ן געווען א זייער מאָדנע. אים האָט זיך געדוכט, אַז די שוועסטער שרייט פון שרעק. אפילו די מאַמע אַליין איז אויפגעשפּרונגען פון איר פּלאַץ, דערשטוינט און דערשראָקן. אַלעקס אָבער האָט בלויז גלייכגילטיק אַ שמייכל געטאָן, ווען די מאַמע האָט אים געהייסן זיך ארונטערלאָזן צו דער ערד. און ווען די מאַמע איז ארויפגעקראָכן אויף א שטול אים ארונטערצושלעפּן, האָט ער זיך פלינק א הויב געטאָן נאָך העכער, קוים איבערלאָזנדיק איר זיינע שפּיץ-פינגער.

ער האָט געמאַכט א פּאָר שנעלע קונצן, צו באַווייזן זיין פולע געניטקייט אין דער נייער קונסט. די געשרייען פון די איבערראשטע שטוביקע האָבן נאָך אַלץ געקלונגען אין זיינע אויערן, ווען ער האָט זיך גראַציעז אויסגעקירעוועט אויף א זייט און איז זיך ארויסגעשוואומען דורכן פענסטער.

גרינג ווי אַ פעדער האָט ער זיך אַ הויב געטאָן איבער די דעכער, לאַווירירנדיק צווישן די ביימער, מאַכנדיק לייכטע באַוועגונגען ארויף און אראָפּ. אָט האָט ער געמאכט א גרויסן ראָד, און אָט איז ער שוין אַוועק אין פארשידענע זיגזאַגן. מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין גאַס, האָבן געשריגן פון גרויס באַגייסטערונג. אַן אויטאָמאָביל פון סטעפּאַנ'ס פאַרם האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט ווי פארשטיינערט. כמעט אָן אָנשטרענגונג, מאַכנדיק ברייטע קלאַפּטער — איז ער צוגעשוואומען צו דאָרעלע האַלפּערינ'ס הויז און איז אַהין אריינגע-

שוואומען דורכן פענסטער.

די הויכע שיינע דאָרעלע, מיט איר לאַנגן בלאָנדן צאָפּ, פלעגט זיך וויניק-וואָס אינטערעסירן מיט אַלעקס׳עס אויפמערקזאמקייט צו איר. זי פלעגט אים נאָר דולדן אַלס שכן. אָבער שפּאַצרן גיין, אָדער טאַנצן, פלעגט זי גאָר מיט דעם שיינעם מאַרטין סטעפענס, וועמענס טאַטע האָט געהאט אן אייגענעם אויטאָמאָביל.

אצינד ווען אַלעקס איז אריינגעשוואומען צו איר אין הויז און האָט זיך אזוי פיין דורכגעטראָגן לעבן דער סטעליע, ווי א באלון, איז דאָרעלע פון איבערראשונג געפאַלן אויף די קני, האָט אויסגע-צויגן די הענט צו אים, און מיט ליבשאַפט און באַוואונדערונג האָט זי אויסגעשריגן:

„אָה, אַלעקס!‟

נאָר אַלעקס, צוואווארפנדיק איר אַ קאַלטן שמייכל, איז זיך רו-איק און געלאַסן ארויסגעשוואומען צוריק אין דרויסן ארויס. און די שטאָלצע דאָרעלע איז נאָכגעלאָפן, געשריגן: „אָה, אַלעקס, אַה, אַלעקס!‟, בעטנדיק כאָטש איין פריינטלעכן בליק.

אין דרויסן האָט זיך דערוויל צונויפגעקליבן דאָס גאַנצע דאָרף מענטשן, מיט אַלע לערער פון סקול. הורא-געשרייען פון הונדערטער העלדזער האָבן דורכגעשניטן די לופט און געמאַכט ציטערן די ערד. דאָרעלע, ארומגערינגלט פון אַלע אירע סקול-פּאַרערער, איז גע-שטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט און ארויפגעקוקט צו אים, צו אַלעקס׳ן, מיט טרערן אין די אויגן. זי האָט פלוצים ארויסגעכאפּט די בלום, וואָס האָט געשטעקט אין איר צאָפּ, און א וואָרף געטאָן אין דער הויך צו אַלעקס׳ן. האָט ער די בלום באַלד געכאפּט, און זי א שליידער געטאָן אזוי הויך, אז מע האָט זי קוים געקענט באמערקן. נאָר באַלד האָט ער זיך אליין א הויב געטאָן, מיט פלינקע גראציעזע באוועגונגען האָט ער די בלום אָנגעכאפּט, און זי צו דאָרעלעס פיס געוואָרפן.

אַ גרויסער מאָמענט איז דאָס געווען אין אַלעקס׳עס לעבן. נאָר עפּעס האָט אָנגעהויבן אין אָט דעם גרויסן מאָמענט זיך אריינצו-רייסן און אים שטערן: זיין מאמעס פּנים, ארויפקוקנדיק צו אים, פון צווישן דער גרויסער מענגע מענטשן, איז עפּעס געוואָרן מיט

אמאָל צו נאָענט. זי האָט משונה'דיק געמאַכט מיט די הענט און גע־שריגן: „קום אראָפּ, אַלעקס! די מינוט קום ארונטער!"

איז ער שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן. ער איז דאָך אַצינד געווען די גרעסטע פּערזאָן אין דער וועלט. און דאָך האָט זיך זיין מאַמע נאָך אַלץ גענומען דאָס רעכט צו שרייען אויף אים, פּונקט ווי אין יענע אַלטע צייטן, ווען ער איז געווען אַ פּשוט'ער, שעמעוו־דיקער סקול־אינגל. איז ער דעריבער שטאַרק בייז געוואָרן. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט אָפּטאָן עפּעס אזוינס, אַז זי זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויפהערן צו קאָמאַנדעווען מיט אים. און דאָ גרילצט זי אים אין אויער צום טויזנטסטן מאָל: „אַלעקס! אַלעקס!"

פון אָנהויב אָן פון זיין זונדערבארן פליען האָט ער אפילו קיין איין מאָל ניט געעפנט זיינע ליפּן. ער האָט געוואוסט, אז איינע פון די וויכטיקסטע זאכן פון זיין ניי־דערפונדענער קונסט איז—שווייגן.

אָבער איצט, זייענדיק שטאַרק אויפגערעגט אויף זיין מאַמעס שרייענדיקער איינגעשפּאַרטקייט, האָט ער זיך ניט געקענט איינ־האַלטן פון זאָגן איר כאָטש איין וואָרט און איז — גלייך ארונטער־געפאַלן אויף דער ערד. — — — — — — — —

די מאַמע האָט געבעטן אַלעקס'ן צו ברענגען איר אַ טרונק פון קיך. ער איז אָבער געזעסן און זיך ניט גערירט פון פלאַץ. האָט זי אים ווידער געבעטן. זי איז אָבער איבערראַשט און דערנאָך בייז געוואָרן, ווען זי האָט געזען, אַז ער רירט זיך ניט פון אָרט און ענט־פערט איר ניט, כאָטש ער קוקט איר גלייך אין די אויגן אריין. דריי מאָל האָט זי אים גערופן ביים נאָמען, און אַלץ קיין ענטפער ניט גע־קראָגן. איז זי פון איר פלאַץ אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען גאָר נאָענט צו אים און אַ געשריי געטאָן אים גלייך אין פּנים אריין:

„אַלעקס!"

אַלעקס האָט אַ שטארקן ציטער געטאָן.

„אָה, דזשי!", האָט ער כעס'דיק אויסגעשריגן און — האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ער האָט דערזען זיין מאַמעס בייזן פּנים, די צעוואָרפענע ציי־טונגען מיט די עראָפּלאַנען און — אַ צעווייטיקטער און פאַרשעמטער איז ער ארויס פון צימער...

# לעקיש פּיקאַטשאָ

1

לעקיש פּיקאַטשאָ (אַזוי רופן אים די שכנים אין גאַס מיט אַ געלעכטער), איז אַ מאַן שוין אַריבער פערציק יאָר. קיין ווייב און קיין קינדער האָט ער ניט. זיין פּנים איז דאַר, די אויגן — אויסגעלאָשענע און אומעטיקע. זיין באָרד איז נאָך כמעט שוואַרץ, אָבער די האָר פון זיין קאָפּ זיינען שוין האַלב אויסגעקראָכן און היפּשלעך גרוי. ער גייט אַרום איבער די גאַסן אין אַלטע, צעריסענע קליידער. איין אַרבל איז ביי אים אזוי אָפּגעריסן, אַז ווען ער הויבט אויף זיין האַנט — פאַלט אַ שטיק אַרבל אַרונטער. די פיס שטעקן ארויס פון די צעריסענע שיך, און וויפיל ער פאַרקנייטשט ניט זיינע פיס־פינגער — קריכן זיי אַלץ אַרויס. דעריבער צעקלאַפּט ער און צעשטעכט זיינע פיס.

מע זעט אים אפילו אָפּט ביי די מיסט־קאַסטנס, ווי ער רויעט זיך אין די פּאַפּיר־זעקלעך מיסט. ער וואוינט און א קליינעם צומערל אין אַ קעלער, וואו ער צאָלט ניט קיין רענט, ווייל ער טראָגט ארויס די אַש פון קעלער אַלע טאָג.

מיינט איר דאָך אַז ער איז אַן אָרימאַן? האָט איר טאַקע ניט געטראָפן. געלט האָט ער דוקא אַ היפּש ביסל: ער האָט פּאַפּיר־געלט און זילבער־געלט און אַפילו אַ סך גאָלדענע מטבעות. אַלע אינדערפרי, ווי נאָר ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף — שלעפּט ער גלייך אַרויס זיין פּעקל געלט פון דער שמאַטע, וואָס ליגט באַהאַלטן אין אַ לאָך פון זיין מאַטראַץ, און נעמט זיך דאָס געלט ציילן און אי-

בערצײלן. אָבער מער װי פּופּציק סענט אַ טאָג פֿאַרגינט ער זיך ניט אויסגעבן פֿון זײַן געלט, װײַל ער איז זײער אַ קאַרגער.

שטענדיק גײט ער אַרום אַ האַלב־הונגעריקער, אַן אָנגעכמורע־טער, און װינטער ציטערט ער פֿון קעלט. אָבער אויסגעבן אויף אַ מאַנטל — דאָס פֿאַרגינט ער זיך ניט, און אביסל מער צו עסן אין װינטערדיקע טעג — דאָס אודאי ניט.

אײנמאָל אין אַ פֿרילינג־טאָג גײט אַזוי לעקיש פּיקאָטשאָ אַרום אין גאַס נאָך אומעטיקער װי געװײנלעך. דער טאָג איז אַ װאַרימער און שײנער. זעט ער װי די קינדער שפּילן זיך אין גאַס. זעט ער װי זײ שפּרינגען איבער שטריקלעך, טראָגן זיך אויף פֿוס־רעדלעך; טאַנצן אַרום, טומלען און פֿרײען זיך. אײן אינגל, דער אָנפֿירער פֿון אַ „באַל־גײם" (פּילקע־שפּיל) איז געװוען נאָך פֿרײלעכער װי די איבע־ריקע, און זײַן קול האָט געקלונגען נאָך העכער װי אַלעמענס.

לעקיש האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט די שפּיל פֿון װײטנס. אָבער דעם אינגלס קלינגענדיק פֿרײלעך קול, זײַן טומלען בײַ דער „באַל־גײם" האָט אים עפּעס צוגעצויגן צו זיך. איז לעקיש צוגעגאַנגען צו דער גרופּע קינדער, און זיך געװענדט צו דעם אינגל: „װי רופֿט מען דיך?"

דאָס אינגל האָט זיך אָנפֿאַנגס דערשראָקן פֿאַרן מאַנס מאָדנעם אויסזען, דאָך האָט ער אים געענטפֿערט: „מע רופֿט מיך לײבל. פֿאַר־װאָס פֿרעגט איר?"

זאָגט לעקיש פּיקאָטשאָ: „װאָס מאַכט דיך אַזוי פֿרײלעך און אויפֿגעלעבט? װאָס איז די שמחה?"

לײבל קוקט אים אָן פֿאַרװאונדערט און אביסל דערשראָקן. אָבער ער באַהערשט זיך באַלד און ענטפֿערט מיט אַ שמײכל: „פֿאַר־װאָס ניט זײַן פֿרײלעך? די זון שײנט, ס'איז װאַרים אינדרויסן; ס'איז הײַנט שבת, און מיר זײַנען פֿרײַ פֿון „סקול" און פֿון שולע. עס װאַקסן שוין בלומען — אָט זעט װי זײ צעעפּענען זיך שוין אין אונדזער יאַרד . . . איך אַלײן האָב זײ טאַקע פֿאַרזעצט. נו, איז מיר גוט!"

— „און געלט האָסטו אויך?" פֿרעגט אים לעקיש. זאָגט לײבל: „צו װאָס דאַרף איך געלט? די זון קאָסט ניט קײן געלט". „און

עסן האָסטו צו זאַט?" פרעגט ווידער לעקיש.

— „אויף עסן פאַרדינט דער טאַטע", ענטפערט לייבל, „אַז איך דאַרף אויף „אייז-קרים", גיט מיר די מאַמע, וואָס-זשע דאַרף איך נאָך?" — פאַרענדיקט לייבל מיט אַ שמייכל.

לעקיש פּיקאַטשאָ שטייט און באַטראַכט דאָס אינגל, הערט זיך צו צו זיינע רייד; זעט זיין זאָרגלאָזן פרייִלעכן פּנים — און עפּעס נעמט אים נאָגן ביים האַרצן . . . טראַכט ער: איך האָב דאָך יאָ געלט, און פאַרוואָס-זשע איז מיר אַזוי אומעטיק?

מיט לאַנגזאַמע טריט גייט ער אַוועק פון דאָרטן. גייט איבער די גאַסן און עס נאָגט אים דער אומעט ביים האַרצן. אויף אַן אַנדער גאַס זעט ער אַ גרופּע קינדער שטייען און יעדער אינגל האַלט אַ פּאָר פּעניס אין דער האַנט. זיי טומלען פרייִלעך: „לעטס' טשיפּ אין!" זאָגן זיי. לאָמיר קויפן אַ גאַנצע „באַקס" ראָזשינקעס פאַר זיבן סענט און מיר'ן מאַכן אַ פּאַרטי!" „און איך האָב אַ „ניקל" וועל איך פאַר אַלעמען קויפן לאַלי פּאַפּס", שפּרינגט צו אַ ניי אינגל. אַלע לויפן פרייִלעכע אַוועק איינקויפן די גוטע זאַכן.

לעקיש בלייבט שטיין אַליין און טראַכט: „ניין, ס'איז ניט קיין תּכלית אַזוי צו לעבן, מע דאַרף זיך בייטן! מע דאַרף הנאה האָבן פון דער וואַרימער זון, פון גראָז און פון בלומען. און טאַקע פון אַנ-דערע גוטע זאַכן אויך! „אָבער אַנדערע גוטע זאַכן קאָסטן דאָך געלט!", טוט ער זיך אַ כאַפּ. „זאָל קאָסטן!", שלאָגט ער זיך אַליין איבער. „ווער האָט דען דערפון הנאה? דער אַלטער צעריסענער מאַטראַץ? און פאַרוואָס טאַקע ניט קויפן אַ נייעם מאַטראַץ, אַז עס' זאָל מיר ניט ווי טאָן די ביינער?"

און טאַקע דאָ אויפן אָרט באַשליסט ער ביי זיך אַז ער וועט שוין מער ניט זשאַלעווען אויף זיך. ער וועט קויפן נייע קליידער און שיך; און עסן וועט ער אַלע טאָג אַ שטיקל פלייש, און פּוטער אָדער קעז פאַר אָנבייסן, און טאָן וועט ער וואָס עס וועט זיך אים פאַרוועלן, אַפילו גיין אין די מואַווים אָפט . . .

זיינע אומעטיקע אויסגעלאָשענע אויגן זיינען מיט אַמאָל לע-בעדיקער געוואָרן, און אַ פאַרב האָט באַדעקט זיינע בלייכע באַקן. מיט אַן אויסגעגלייכטער פּלייצע און פעסטערע טריט גייט לעקיש

צוריק אַוועק אין דער גאַס וואו ער האָט פריער גערעדט צום אינגל, וואָס׳ הייסט לייבל. ער האָט נאָך געטראָפן די גאַנצע גרופּע קינדער, און לייבל איז נאָך אַלץ געווען פאַרקאָכט אין זיין „באַל-גיים״ ווי פריער. לעקיש טוט לייבלען אַ נעם ביי דער האַנט און זאָגט צו אים:

— „דערפאַר וואָס דו האָסט מיר געגעבן אַ גוטן געדאַנק, וויל איך דיר געבן א מתנה!״ און ער דערלאַנגט אים א קליינע גאָלדענע מטבעה.

לייבל קוקט אים אָן פאַרוואונדערט; קוקט אויף זיינע צעפּליק־טע קליידער און צעריסענע שיך און זאָגט: „ווי קומט צו אייך אזוי פיל געלט? איך וויל דאָס ניט! נעמט עס אייך צוריק!״

פאַרשטייט לעקיש פּיקאַטשאָ וואָס לייבל מיינט, זאָגט ער:

— „האָב קיין מורא ניט, איך האָב דאָס געלט ניט גע׳גנב׳עט, עס איז מיין אייגנס — מעגסט עס׳ נעמען!״ און מיט שנעלע טריט איז ער אַוועק זיין וועג.

לייבל איז ניט-טויט, ניט-לעבעדיק אריינגעלאָפן אין זיין הויז, דערציילט זיין מאַמען די גאַנצע מעשה און איר געוויזן דאָס געלט.

זאָגט די מאַמע: „אָט אַ מזל פון א אינגל! נו, גוט, מירן צע־בייטן דאָס געלט און דיר קויפן אַן אָנצוג!״

— „ניין, מאַמע! זאָגט לייבל, „מירן טאַקע צעבייטן דאָס געלט, אָבער אַן אָנצוג קען מיר דער טאַטע קויפן. דער מאַן האָט דאָך גע־געבן דאָס געלט פאַר מיר, — וויל איך דאָס האַלטן!״

מע האָט צעביטן די גאָלדענע מטבע און געקראָגן גאַנצע פינף דאָלער פאַר איר. און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייער צייט-פאַר־טרייב ביי לייבלען: אַלע אינדערפרי, נאָך פאַר פרישטיק האָט זיך לייבל געכאַפּט ציילן און איבערציילן זיין פאַרמעגן. איז ער אהיים געקומען פון שול — האָט ער זיך גלייך געכאַפּט צו זיין קעסטעלע מיט געלט און ווידער גענומען ציילן. ער האָט ניט געהערט וואָס מע רעדט צו אים; ניט געהערט ווי חברים רופן אים אין גאַס זיך שפּילן; ער האָט נאָר געציילט און געציילט.

טאַטע-מאַמע זיינען שוין בייז געוואָרן אויף אים דערפאַר, אָבער עס האָט גאָר ניט געהאָלפן.

— „וואָס גייסטו ניט אין דרויסן? אלע קינדער זיינען שוין אין גאַס, נאָר דו זיצט אין די „פּאַדזשאַמעס" און שפּילסט זיך מיטן געלט. אַ נייע שפּיל! אַ נייע צרה אויף מיין קאָפּ! ביסט דאָך שוין בלייך ווי די וואַנט!" — האָט זיך די מאַמע אויף אים געבייזערט.

לייבל האָט מיט אַ זיפץ אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטעלע געלט אין שופלאָד, און דערביי טאַקע אַ קוק געטאָן אין שפּיגל פון זיין „דרעסער". זעט ער — ס'איז אמת! ער קוקט טאַקע אויס מאָדנע. דאָס פּנים — בלייך און דאַר; די אויגן — אומעטיקע און — „ווען איך האָב נאָך אַ באָרד", פאַלט אים איין אַ געדאַנק, „וואָלט איך שוין באַלד אויסגעקוקט ווי דער מאָדנער מאַן, וואָס האָט מיר דאָס געלט געגעבן". ווייל פון יענעם מאַן האָט לייבל זייער אָפט געטראַכט, און האָט זיך געוואונדערט וואָס ער זעט אים ניט מער.

לייבל האָט זיך דערשראָקן. קוקנדיק אַזוי אין שפּיגל, האָט ער זיך פאַרטראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט שוין לאַנג זיך ניט געשפּילט אַזוי זאָרגלאָז אין דרויסן מיט די קינדער ווי פריער, מיט אַ צייט צוריק, איידער ער האָט דאָס געלט געקראָגן. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער איז שוין ניט מער דער „לידער", דער אָנפירער פון די „באַל-גיימס" אין גאַס; אַז ער גייט איבערהויפּט ניט אַזויפיל אין גאַס ווי פריער. ער האָט זיך אַרומגעזען אַז אלעס וואָס ער האָט אממערסטן געטאָן איצט — איז געציילט און געשפּילט זיך מיט זיין געלט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט געביטן זיינע דאָלערס אויף קוואָדערס, און דערנאָך אויף ניקלס און דיימס. און דערנאָך ווידער אויף קוואָדערס, און ווידער אויף דאָלארס, און אָבער און ווי-דער אויף קליין געלט. ער פלעגט נאָך אלע טאָג בעטן ביים טאַטן אַ ניקל אויף „אייז-קרים", אָבער דעם ניקל ניט אויסגעגעבן, נאָר אים אויך אריינלייגן אין קעסטעלע צו די איבעריקע געלט. און דער מאַ-מען פלעגט ער צוזאָגן צו זיין אַ גאַנצן טאָג אַ גוטער אינגל און פאָלגן איר, אויב זי וועט אים געבן אַ „דיים" . . .

לייבלען איז נאָך אומעטיקער געוואָרן אויפן האַרצן פון די פינס-טערע געדאַנקען. וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? טראַכט ער. לייבל גייט צו צום פענסטער — דערהערט ער געלעכטער און געפילדער פון די קינדער ווי זיי שפּילן זיך. און ער וואונדערט זיך: פאַרוואָס האָט

ער עס ביז איצט כמעט ניט געהערט און פאַרוואָס האָט זיך אים כמעט גאָרניט געוואָלט גיין אין דרויסן?

און דער דרויסן איז אַזאַ זוניקער, אַזאַ שיינער און וואַרימער . . . אַ בענקעניש האָט ארומגעכאפּט לייבלען; אַ נאָגעניש האָט אים גע־קלעמט.

— „מע דאַרף אויס'זוכן דעם מאַן און אים אַוועקגעבן דאָס געלט צוריק!" טראַכט לייבל, „איך וויל דאָס ניט מער!"

לייבל טוט זיך געשווינד אָן, כאַפּט דאָס קעסטעלע מיט געלט און לויפט ארויס אינדרויסן. ער לאָזט זיך איבער די גאַסן זוכן דעם מאַן מיט די צעריסענע קליידער און מיט דער באָרד.

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

אהיים געקומען איז לייבל אַ מידער, אַ הונגעריקער און אומעטי־קער. שוין לאַנג נאָך דער מיטאָג־שעה. דעם מאַן פון דער גילדענער מטבע האָט ער אינערגעץ אין דרויסן ניט געטראָפן, און די מאַמע האָט זיך נאָך אויף אים גוט אָנגעבייזערט פארן איבערגעפירטן מיטאָג.

— „אַז מע קומט ניט אין צייט — עסט מען ניט!" האָט זי אים געזאָגט. „וועסט שוין מוזן וואַרטן ביז וועטשערע — וועט עס' דיך אויסלערנען קומען אין צייט צו עסן!"

טאָג איין, טאָג אויס איז לייבל ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן ניט ווייט פון זיין הויז און אַלץ זיך צוגעקוקט צו מענטשן — אפשר וועט ער פאָרט אָנטרעפן דעם מאַן מיט דער באָרד. דאָס קעסטעלע מיט געלט איז פאַר לייבלען געוואָרן אַן אָפּקומעניש. עס פלעגט זיך אים חלומ'ען ביינאַכט אַז ער האָט שוין דעם מאַן אָנגעטראָפן, אים דאָס געלט אַוועקגעגעבן און שפּילט זיך שוין ווידער פריילעך אין דרויסן.

אינדערפרי איז ער אַ פּאָר מאָל נאָך אַזאַ חלום צוגעלאָפן צו זיין שופלאָד זען צי ס'איז אמת — און דערזעענדיק דאָס געלט ניט גע־טשעפּעט, פלעגט עס לייבלען פאַרקלעמען ביים האַרצן, און אַ גאַנצן טאָג איז ער שוין ארומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער.

אזוי זיינען אַוועק גאַנצע פיר וואָכן. איינמאָל, שוין פאַרנאַכט

צו, זעט לייבל דורכן פענסטער, ווי עס גייט פארביי אַ שיין-געקלייד־טער מאַן, שטעלט זיך אַ ווײַלע אָפּ, קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט, און גייט אַוועק. אין אַ ווײַלע אַרום זעט לייבל ווי דער זעלבער מאַן קומט ווידער צו צום הויז, גייט צו צום ליידיקן לאָט וואו מע שפּילט „באָל״, גייט צו אין הויף, זוכט עמיצן, און גייט ווידער אַוועק.

לייבלען האָט עס אויסגעקוקט מאָדנע. איז ער אַרויס אין דרויסן. דער מאַן איז ווידער צוגעקומען, און ווי נאָר ער האָט דאָס אינגל דער־זען — האָט זיך ביים מאַן אַ ברייטער שמייכל צעגאָסן איבערן פּנים און ער האָט אויסגערופן: — „אָט ביסטו דאָך, לייבל! איך זוך דיך און זוך דיך! איך האָב דיך אַזוי געוואָלט זען!״

לייבל קוקט אויף דעם שיין-געקליידטן מאַן, מיט גוטע ברוינע נייע שיך, אַ שטרויענעם הוט האַלט ער אין האַנט. דאָס פּנים פריש אָפּגעראַזירט. וואונדערט זיך לייבל און ער פרעגט:

— „פון וואַנען קענט איר מיך? ווער זענט איר?״

— „וואָס-זשע, אַזוי שטאַרק האָב איך זיך געביטן אַז דו דער־קענסט מיך גאָר ניט? איך בין דאָך דער מאַן וואָס האָט דיר געגעבן אַ גאָלדענע מטבע אַ מתנה: האָסט זי נאָך, צי דו האָסט זי שוין אויס־געגעבן אויף „אייז-קרים״?

— „וואָס״? שרייט לייבל אויס מיט פרייד, „דאָס זענט איר דער זעלבער מאַן? וואו-זשע איז אייער באָרד? און וואו האָט איר גע־נומען אַזעלכע שיינע קליידער?״

— „דאָס איז אַלץ אַ דאַנק דיר, מיין ליבער אינגל״, רופט זיך אָפּ לעקיש פּיקאַטשאָ, „איך וועל״ — — — —

אָבער לייבל וואַרט ניט מער, און פאַרשטייט ניט. ער שלאָגט אים איבער די רייד:

— „הערט, מיסטער״, רעדט לייבל אָן אַ אָטעם, „איך זוך אייך שוין אַרום אַ לאַנגע צייט. וואַרט אָט דאָ אַ ווײַלינקע; גייט ניט אַוועק, איך בעט אייך — איך וויל אייך עפּעס געבן!״

לייבל לויפט געשווינד אַריין אין הויז. אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין צוריק אין דרויסן מיטן קעסטעלע מיט די פינף דאָלער.

— „מיסטער, נאַט אייך צוריק דאָס געלט וואָס איר האָט מיר

געגעבן!" שטופּט אים לייבל דאָס קעסטעלע מיט געלט אין האַנט.

לעקיש פּיקאַטשאָ קוקט אויפן אינגל מיט פאַרגאַפטע אויגן, און קען ניט פאַרשטיין וואָס טוט זיך דאָ.

— „פאַרוואָס גיסטו מיר דאָס צוריק, לייבל? האָסט ניט ליב קיין געלט, וואָס?"

— „ניין", זאָגט לייבל, „טאַקע דערפאַר וואָס איך האָב דאָס אזוי שטאַרק ליב געהאַט, וויל איך עס צוריק אַוועקגעבן, ווייל עס מאַכט מיך אומעטיק און קראַנק!"

און לייבל דערציילט פּיקאַטשאָן אַז זינט ער האָט געקראָגן דאָס געלט פון אים, האָט ער געהאַלטן אין איין ציטערן איבער דעם, און האָט אַלץ געוואָלט האָבן מער און מער. ער איז שוין ניט געווען אַזוי זאָרגלאָז און פריילעך ווי פריער. ער האָט זיך שוין מער ניט גע־שפּילט אזוי אָפט אין דרויסן מיט די קינדער, ווייל ער איז אַלץ געווען פאַרנומען מיטן בייטן און צעבייטן דאָס געלט, און אַלץ היטן, אַז זיי־נע ברידער זאָלן, חלילה, ביי אים אַביסל געלט ניט צונעמען.

— „און איצט בין איך שוין מיד דערפון. איך וויל שוין צוריק אינדרויסן צו די קינדער. איך וויל ארומלויפן און שטיפן פריי ווי זיי. און דער עיקר — איך וויל ניט אַז אינמיטן דער שפּיל זאָל איך זיך דערשרעקן — טאָמער האָט מען מיין געלט צוגענומען", האָט לייבל פאַרענדיקט.

לעקיש פּיקאַטשאָ טוט ליבלעך אַ גלעט דאָס צעפלאָמטע אינגל איבערן קאָפּ און זאָגט אַ פאַרטראַכטער: „איך פאַרשטיי דיך זייער גוט. איך האָב אויך אַזוי געפילט. אָט פּונקט אזוי ווי דו. אָבער איך דאַרף ניט דאָס געלט. איך האָב איבערגענוג פאַר איין מענטשן צום לעבן. און דיר בין איך זייער דאַנקבאַר, כאָטש דו ביסט נאָך אזוי יונג, וואָס צוליב דיין זאָרגלאָזיקייט, פריילעכקייט און קלאָרן שכל האָסטו מיך געלערנט צו ווערן אַן אַנדער מענטש. דו האָסט עס מיך ארויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג ווי אזוי צו לעבן. העלף זשע מיר ווייטער. לאָמיר ביידע עפּעס צוטראַכטן!"

שטייט לייבל אַ צעטראָגענער, בייט איין פוס אויפן אַנדערן, באַ־קוקט דעם מאַן ווידער און ווידער, און פּלוצים טוט ער זיך אַ כאַפּ:

— „הערט, מיסטער, מיין פּאַפּאַ גיט מיר אַלעס, דאַרף איך ניט

אייער געלט. אָבער אין שולע האָט מיין אידישער לערער אונדז גע־לייענט וועגן די אָרימע קינדער אין פוילן, אין רומעניע, אין דייטש־לאַנד און אין אַנדערע לענדער, וואו די קינדער האָבן ניט וואָס צו עסן און ציטערן פון קעלט. אוי, וואָס פאַר אַ נאַר איך בין געווען! פאַר־וואָס׳ האָב איך וועגן דעם פריער ניט געטראַכט? קומט, מיסטער, איך דאַרף איצט סיי ווי גיין אין שולע! לאָמיר גיין צו מיין לערער, וועלן מיר אים אַוועקגעבן דאָס געלט פאַר די אָרימע קינדער אין פוילן און אין אַנדערע לענדער. ער ווייסט שוין ווי אזוי דאָס צו טאָן. עס וועט אָנקומען גלייך צו זיי!״

לייבל האָט פריילעך אַ כאַפּ געטאָן לעקיש פּיקאַטשאָ׳ן פארן האַנט, און לעקיש איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט לייבלס פריילעכ־קייט. ביידע זיינען מיט פעסטע טריט אַוועק אין שולע.

לייבל האָט מיט שטאָלץ אַוועקגעגעבן דעם לערער זיין חלק געלט פון קעסטעלע און לעקיש האָט געגעבן פונקט אַזאַ חלק. פון דאַן אָן איז לייבל ווידער פריילעך און זאָרגלאָז געוואָרן. און פּיקאַטשאָ איז געוואָרן נאָך גליקלעכער, ווייל ער האָט באַשלאָסן צו טאָן מיט זיין געלט גוטס ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר ווי ווייט מעגלעך, אויך העלפן אַנדערע.

# פרינצעסן עלעקטרא

באַלאַדע

צילע דראפּקין א מתנה.

1

אונטער בערג, אין טיפע טאָלן,
אין א ווייטן, ווייטן לאנד,
האָט געלעבט אַמאָל אַ מלך.
אין דעם קליינעם שטילן לאַנד
האָט געלעבט דער אַלטער מלך
מיט זיין טאָכטער זאַלבענאַנד.
ערד האָט מלכה'ען צוגעדעקט
ווען קינד האָט נאָר די וועלט דערזען —
איז די טאָכטער אויסגעוואַקסן
און קיין מוטער ניט געזען.

אין אַ ווילדער שטורם-נאַכט
ווען בליץ און דונער האָט געקראַכט,
האָט די מלכה אויף דער וועלט
איר ערשט און איינציק קינד געבראַכט.
האָט דער מלך פאַר דערפאַר

פול מיט פרייד און פול מיט צער
אין קליינעם פּנים אריינגעווײנט:
„דער שטורם ברענגט פון דרויסן דיך
אצינד צו מיר אין הויז אריין —
דיין נאָמען זאָל עלעקטרא זיין!"

* * *

אַ פּנים האָט געהאַט עלעקטרא —
ליכטיק, לויטער, צאַרט, פאַרטראַכט
ווי אַ פרילינגדיקער טאָג.
און האָר האָט זי געהאַט אַ קאָפּ —
פלאַמיק ווי די מאָרגן־זון,
ווען אויפן רוקן דיק און לאַנג
פלעגט זיך ציען ווי אַ שלאַנג
איר גאָלדיק־רויטער שיינער צאָפּ.
נאָר אויגן — זייער מאָדנע אויגן
האָט די בת־מלכה געהאַט:
אָט זיינען זיי — ווי גרינע טיפע וועלן;
און אָט — צעשראָקענע גאַזעלן.
אָט — אומשולדיק און צניעות׳דיק געצאַמט,
און אָט — שוין בייז, פאַררעטעריש צעפלאַמט.

הײַנט קלינגט אין הויף ווי זילבער־גלעקלעך
הויך און פריידיק איר געלעכטער.
סאַמעט־הענט און סאַמעט־אויגן
גלעטן, צערטלען אַלע בעקלעך
קינדערשע אָן אונטערשייד:
פון קאַנצלער, גראַף, ציו פּראָסטן וועכטער.
געלט, מתנות, כלים אַלערליי
פון גאָלד און זילבער און פון מעש

שיט די בת־מלכה אויף זיי
פון איר פולער קעניגלעכער האַנט.
לערנט אַלע קינדער אויס
טענץ און שפּילן אַלערליי;
לויפט און שפּאַסט און שטיפט מיט זיי;
שטעלט זיי אַלע אויס אין ראָד,
טאַנצט מיט זיי א קאַראַהאָד —
און ביז טרערן טוט איר וויי
ווען מע נעמט זי צו פון זיי...
נאָר מאָרגן — מאָרגן פויזען העלע שלענגלעך
אין די גרינע וועלן־אויגן...
און פון קינדערישע בעקלעך פון דעם מלכ׳ס אונטערטאַנען
ווייַנען צייכנס בלוי ארונטער — — —
און מע ווייסט ניט — וואו? פון וואַנען?
ווייל פאַרזאָגט האָט די פּרינצעסן,
שטרענג פאַרזאָגט האָט זי די קינדער
ניט אַ פּיפּס צו טאָן צו קיינעם
וועגן אַ קניפּ אפילו איינעם
— — — — — — — — — — — — — —

אוי, ווי ס׳וואָלט זיך וועלן בייסן!
אויף צוריק די האָר איר רייסן!
אויך איר בלויע צייכנס מאַכן,
און דערנאָכדעם לאַכן, לאַכן...
נאָר זי איז דאָך אַ פּרינצעסן! —
און דאָס וואַגט מען ניט פאַרגעסן!
קלאַפּן הערצער — בייז, פאַרקלעמטע,
שווייגן קינדער שטום־פאַרשעמטע...

* * *

אָפּגעטאָן איר ארבעט — לויפט זי,

גאָלדיק-רויט די צעפּ צעלאָזן
ווי צערייצטע בייזע שלאַנגען.
טראָגט זיך איבער שטעג און גראָזן
טיול און קלייד פון ווינט צעבלאָזן;
און דערשראָקענע ווי האָזן —
נעמען קינדער זיך צו רוקן
הינטער בוימער, הינטער קוסטעס,
צוויי צוזאַמען, און באַזונדער,
און פון דאָרט מיט שרעק צו קוקן
אויף דער בת-מלכה׳ס בייזוואונדער.

* * *

אויפן זייד-באַדעקטן בעטל
שפּעטערצו ביי זיך אין צימער,
רויטע צעפּ פאַנאַנד-געשאָטן —
ליגט עלעקטראַ איינגעקאָרטשעט
ווי אַן אָפּגעריסן בלימל פון אַ קנאַפּל גראָב צעטראָטן...
פינגער לאַנגע, פינגער צאַרטע,
וואָס האָבן קינדערש פלייש געריסן —
ליגן איצט ביז בלוט צעביסן — — — — —
אַקסלען צוקן, צוקן, צוקן...
טיר און פענסטער צוגעשלאָסן —
קיינער וועט ניט קענען קוקן.
— — — — — — — — — — — — — —

— „פאַרוואָס? פאַרוואָס?"
וויינען ליפּן שטום געוויין.
— „איך בין דאָך פלייש און בלוט ווי זיי —
וואָס גיבן זיי מיר ניט צוריק
פאַר יעדן שטוים׳ און ביס — מיט צוויי?

כ׳וואָלט דאַן דערפילט, איך בין אַ קינד
מיט אַלע קינדער דאָ צוגלייך,
געשטיפט, געפלויגן ווי דער ווינט
מיט זיי אין וואַלד, צום שמאָלן טייך;
מיט וואַסער וואָלט איך זיי באַשפריצט,
די קעפּ מיט קרענצלעך זיי באַפּוצט,
און וואָלט איך מער פאַר זיך גענומען —
אָה, אָה! זיי וואָלטן דאַן זיך שוין באַנומען
ווי אַלע קינדער — גלייך אויף גלייך:

אַ שטופּ, אַ ריס;
אַ קניפּ, אַ ביס;
איך זיי איינס —
זיי מיר — צוויי;
אַ וויין, אַ לאַך,
א פרייד-געשריי;
און אלע אינאיינעם אין געדריי.
נאָר ניט קיין איינפאַך קינד בין איך:
איך בין עלעקטראַ די פּרינצעסן!
זאָג איך — „גלייך!” און ס׳איז גאָר קרום —
שאָקלען קעפּ אויף „יאָ!” און שטום.
כ׳זאָג בייטאָג: „ס׳איז איצטער נאַכט!”
שמייכלען אַלע זים: „ס׳איז נאַכט!”
גיי איך לאַנגזאַם פון די טרעפּ —
בויגן גרייז און גרויע קעפּ
זיך טיף אַרונטער צו דער ערד
פאַר מיר — עלעקטראַ דער פּרינצעסן,
און צו די שטייפע ליפּן פרעסן
זיי דעם זוים פון מיין פאַרשטויבטן קלייד — — — —
זיי — די גרייז און גרויע קעפּ,
פאַר מיר — דעם קינד אויף ברייטע טרעפּ.

— — — — — — — — — — — — — —

טוט אין מוח זיך אַ דריי, — — —
עס׳ רייסט פון האַלדז זיך אַ געשריי!
איך ווייס ניט ווען און ווי אזוי —
נאָר איך דערזע פאַר זיך:
אויגן צעשראָקענע,
שמייכלען צעבראָכענע,
ליפּן פאַרציטערט — ווי אין קאַלך־געטונקענע — — — —
און איך — די פרינצעסן עלעקטראַ
לויף פון די אויגן, פייל אויסן בויגן —
און זיי לויפן מיר נאָך, אַט די אויגן!״
— — — — — — — —

טראַכט עלעקטראַ און זי טראַכט.
און דאָ פאַלט שוין צו די נאַכט.
וואַרפט די נאַכט מיט פולע הענט
שאָטנס שוואַרצע אויף די ווענט.
זינקט פון קישן טיף אַראָפּ
עלעקטרא׳ס יונגער, שיינער קאָפּ.

2

אין זיין צימער פלעגט דער מלך
אָפטמאָל זיצן טיף פאַרטראַכט,
זיצן און אין פענסטער קוקן —
ביז די זון פלעגט שטיל פארשווינדן
און צעשווימען פלעגן בריקן
צווישן טאָג און נאַכט.

דער אַלטער מלך האָט זיין טאָכטער
זייער, זייער ליב געהאַט.
נאָר זיין האַרץ פלעגט רק אים שרעקן,

צווייפל, טרויער אין אים וועקן...
און ער פלעגט נאָר אַלץ זיך פרעגן —
וואָס האָט גאָט צו אים געהאַט?
פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד
איז ער פון גאָט געשטראָפט געוואָרן
ניט צו פאַרשטיין זיין אייגן קינד?

פון דורות, דורות, קמא יאָרן
פליסט אין קעניגלעכע הערצער
ריינע קעניגלעכע בלוט.
איז עלעקטראַ דאָך געבוירן
פון א קרישטאָל־ריינער מוטער,
פרום, גאָטס־פאַרכטיקער און גוטער —
היינט — פון וואַנען נעמט זיך בלוט
פון דעם פּראָסטן פויער־פאָלק
אינעם האַרצן פון זיין קינד?
וואו זיינען די שיינע זיטן,
די מאַניערן, עלעגאַנץ,
לוסט נאָך קליידער, פּראַכט און גלאַנץ?
וואו איז איר פרינצעסן־שטאָלץ
וואָס איר פליכט איז צו פאַרהיטן?

אַ פרינצעסן פון אַ לאנד
זאָל אַ קוש טאָן גאָר די האַנט
פון אַ פּראָסט־פאַרגרעבטן פויער
ביי זיין אָקערן די ערד
מיט די שוויים־באַדעקטע פערד,
ווען זי פאָרט ארוים מיט מיר
דורכן פעלד אויף אַ שפּאַציר?...

אַ פרינצעסן פון אַ לאַנד
זאָל צוגאַסט גיין צו דער וועשין,

אַליין איר צוטראָגן אַ טוך
צו אָפּווישן די נאַסע האַנט;
באַפֿוילן אירע הויף־דאַמען
אָפּראַמען פֿון טיש די וועש,
אווועקשטעלן אַ טאָץ פֿון מעש
מיט געשמאַקע, גוטע זאַכן,
און צו רעדן מיט דער וועשין,
און צו שפּאַסן, און צו לאַכן —
פּונקט זי וואָלט געווען איר גלייכן!...

— — — — — — — — — — — — — — —

אָבער ביי די גרויס־פּאַראַדן
פֿון מאַרקיזן, לאָרדן, גראַפֿן —
גייט זי אום אַ פֿרעמד־פֿאַרטראַכטע,
אומעטיק און אויפֿגעבראַכטע,
הויך פֿאַרריסן שטאָלץ דעם קאָפּ
מיט איר פֿלאַמיק־רויטן צאָפּ.

וואַגט אַ פּרינץ זי איינצולאַדן
עפּענען מיט אים דעם באַל —
פֿליען בליציק איבערן זאַל
אירע האַלב־פֿאַרשמאָלטע אויגן,
און זי דרייט זיך פֿייל פֿון בויגן
מיטן שטוינענדיקן פּרינץ
אַז ס׳פֿאַרכאַפּט אים אַזש דער אָטעם...
דאַן פֿאַרנייגט זי זיך פֿאַר אים,
גיט די שפּיצן פֿינגער אים,
לאָזט אינמיטן זאַל אים שטיין,
און שווימט אַוועק, אַוועק זיך דאַן
ווי אַ ווייסע, שטאָלצע שוואַן.

* * *

ניט קיין דאָקטאָר, ניט קיין רופא
העלפן אים אין זיינע ליידן.
אפילו ניט די מכשפה,
וואָס פלעגט העלפן גאַנצע דערפער
זיך ראַטעווען פון א מגפה —
אפילו זי איז אומבאַהאָלפן
און לאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד ארונטער...

זיינע יאָרן — שוין געציילטע — —
נאָך ווי לאַנג וועט ער דען לעבן?
טראַכט דער מלך, אַ פאַרזאָרגטער,
און זיין אויג אין קאָפּ, די טאָכטער,
זי — די מלכה אויסדערוויילטע,
ווען זיין לעצטע שעה וועט שלאָגן —
ווי וועט זי מלוכה פירן?
אַזאַ ווי זי — אַ לאַנד רעגירן?...

— — — — — — — — — — — —

טראַכט דער מלך און ער טראַכט,
און דאָ פאַלט שוין צו די נאַכט,
וואַרפט די נאַכט מיט פולע הענט
שאָטנס שוואַרצע אויף די ווענט.
זינקט טיפער אויפן ברוסט אַראָפּ
דעם מלכ׳ס גרויער, שווערער קאָפּ.

3

אין אַ קילן האַרבסט-פאַרנאַכט,
ווען דער מלך איז, אַ מידער,

אין שטול געזעסן טיף־פֿאַרטראַכט,
האָט האַסטיק זיך די טיר געעפֿנט
און עלעקטרא די פּרינצעסין איז אין טיר אריין.
ביי דעם טונקל־מאַטן שיין
פֿון צוויי גרויסע ליכט
האָט דער מלך ניט דערקענט
זיין טאָכטערס בלייך געזיכט.
עפּעס האָט זי אויסגעזען אזוי ווייט און פֿרעמד:
אַ מאָדנע קלייד אויף איר, אַ נייעס,
אַזאַ ברייטס, און אַזאַ פֿרייעס —
ווי אַ פּויערש העמד...
דערשטוינט און אומרואיק האָט ער
פֿון שטול זיך אויפֿגעהויבן שווער,
באַקוקט עלעקטראַ׳ן שטיל און לאַנג
און ציטערדיק ארויסגעזאָגט:
„וואָס איז דיין פֿארלאַנג?"

מיט אַנטשלאָסנהייט אין טראָט גייט עלעקטראַ צו,
נעמט די האַנט זיינע און גלעט,
און מיט טרערן אין איר קול בעט זי זיך און בעט:
„איך מוז פֿון דאַן אַוועק!"
„פֿאָטער מיינער, זיי מיר מוחל!
איך וועל פֿארלירן דאָ מיין שכל — — — —
אין פּאַלאַץ דריקן מיך די ווענט.
זעסטו, זעסטו מיינע הענט?
איך האָב זיי שוין ביז בלוט צעביסן.
דאָס שטייף־בראָקאַדן קלייד
האָב איך פֿון זיך אראָפּגעריסן —
עס האָט מיין אָטעם מיר פֿארשטיקט.
זעסט דאָס פּויערישע קלייד?
עס אָטעמט פֿריי אין דעם מיין ברוסט,
עס זינגט ארויס פֿון דעם אַ פֿרייד!"

— „אבער דו — א גרויס־פּרינצעסן — אין א פּויערש קלייד?
הער נאַר, קינד מיינס, ביסט ביים זינען?
וואָס באַדייטן אַט די רייד?
האָסטו דען, אַ קעניגס טאָכטער,
דיינע פּליכטן שוין פאַרגעסן?"
— „פאָטער, דו פאַרשטייסט ניט מיין געבעט!
אַנטשלאָסן, קלאָר האָב איך גערעדט;
איך האָב געגעבן זיך אַ נדר
ניט צו טראָגן מער קיין קליידער
פון א בת־מלכה פון לאַנד!"

— „ניט צו טראָגן מער קיין קליידער
פון א בת־מלכה פון לאַנד?"
בלייך ביז די סאַמע נעגל
ציטערט אויף דעם מלכ'ס האַנט — — — —

עלעקטראַ זעט די בלייכע פינגער
ווי זיי פליקן, ווי זיי דריקן,
ווי זיי ציען זיך צום וואַנט — — — —
וואַקלט זי זיך פּונקט ווי שיכור — — — —
— „ניט דאָס קלייד איז דאָ דער עיקר;
איך וויל ארוים אין דער ברייטער וועלט,
מיט מענטשן זיך צוזאַמענגיסן,
זייער פרייד און לייד געניסן;
איך וויל זען ווי מענטשן לעבן —
וואָס זיי קריגן, וואָס זיי געבן;
איז דאָ רייכטום? איז דאָ נויט?
האָבן אַלע מענטשן ברויט?
איך וויל זיין מיין פאָלק'ס אַ גלייכן!
מיט מיין פאָלק גיין האַנט אין האַנט!
איך וויל ניט זען עס דורך אַ וואַנט!"

— „אָבער די מלוכה, טאָכטער!
ווער וועט די מלוכה פירן,
ווען מיין לעצטע שעה וועט שלאָגן?"
— — — — — — — — — — — — — —

עלעקטרא'ס האַנט גליטשט זיך ארוים
פון זיין אָפּגעשוואַכטער האַנט.
צווישן אים און איר וואַקסט אוים
אַ הויכע, שווערע גרויע וואַנט.
— — — — — — — — — — — — — —

ציען זיך ווי רויטע צונגען
פלאַמען פון די ליכט.
ווערטער שמייסן, שטעכן, קלינגען;
דרייען זיך ווי פייער־רינגען
פאַר דעם מלכ'ס מידע אויגן
אַט אַ וויינענדיקס, און אַט אַ שטאָלץ געזיכט.

* * *

פון ווייטנס ציטערט אויף דער קלאַנג
פון אַ שנעל־פאַרקלאַפּטער טיר.
— — — — — — — — — — — — — —

---

מיט אימפּעט טוט דער אַלטער מלך
זיך פון אָרט אַ ריס,
ווי דערפילן וואָלט ער פלוצים
פון אַ שלאַנג אַ ביס.
שטיל. האלב־טונקל איז דאָס צימער —
קיינער איז ארום נישטאָ.
דער מלך פּראַלט די טירן אויף,

לויפט מיט שווערע טריט ארויף
די טרעפ וואָס פירן צו זיין קינד.
אָן אָן אָטעם, גיך, געשווינד,
נעמען ציטערדיקע הענט
שאַרן איבער טיר און ווענט,
איבער טיש און שטולן —
ביז זיי קומען צו איר בעט.
זעט דער מלך, זעט:
עלעקטראַ׳ס קלייד, און שיך, און זאָקן
ליגן אויסגעשפרייט אין בעט.
נאָר אַנשטאָט דעם קאָפ דעם שיינעם
איבער קישן אויסגעשפרייט
ליגן אירע רויטע לאָקן...

שטיל. טונקל איז דאָס צימער,
קיינער איז ארום נישטאָ.
פון דערווייטנס ציטערט נאָך דער קלאַנג
פון אַ שנעל-פאַרקלאַפּטער טיר...
— — — — — — — — — — — — — —

ברעכט דער מלך זיינע אַלטע,
זיינע ציטערדיקע הענט,
און דעם קאָפ דעם אַלטן, גרויען
קלאַפּט ער אָן די ווענט.
נאָר די ווענט — זיי זאָגן מוסר,
זיי רוישן, ווי אין דרויסן רוישט דער ווינט:
„האָסט נישט איינגעזען דעם וואונדער פון דיין טאָכטער!
דער שולדיקער ביסטו, גערעכט איז זי — דיין קינד!
עס רופט און וואַרט אויף איר
די גרויסע, ברייטע וועלט.
ניט לויף איר נאָך, פאַרצאָם ניט אירע וועגן;
דו ביסט שוין אַלט, פאַרבלייב אין דיין געצעלט!"

# די מעשה וועגן די דריי פּיקסעלעך און שיין מיידעלע

אַמאָל איז געווען אַן אַלטיטשקע באַבעטשקע, וואָס האָט גע־וואוינט אין וואַלד אין אַ קליין שטיבעלע. האָט זי געהאַט אַן אייניקל, שיין־מיידעלע, וואָס פלעגט קומען פון צייט צו צייט די אַל־טיטשקע באַבעטשקע באַזוכן.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז די באַבעטשקע איז קראַנק געוואָרן און האָט ניט געקענט ארונטערגיין פון בעט מאכן פאר זיך עסן. האָט זי געבעטן איר אייניקל, שיין־מיידעלע, זי זאָל גיין צו איר מאַמען און איר זאָגן, אַז באַבעטשקע איז קראַנק — זי זאָל איר צושיקן עסן אויף עטלעכע טעג, און אויך בעטן דער מאַמען זי זאָל דערלויבן שיין־מיי־דעלען בלייבן מיט דער באַבען ביז די באָבע וועט געזונט ווערן.

— „אָבער קום צוריק שנעל, מיין קינד! קום וואָס שנעלער!" האָט איר די באַבעטשקע אָנגעזאָגט.

האָט שיין־מיידעלעס מאַמע גענומען אַ קאָשיקל, האָט אהין אריינגעלייגט אייער, ברויט, פּוטער, פּרוכט, און א פלאַש מילך. זי האָט אַלץ צוגעדעקט מיט א קלאָר־ווייס טישטעכל, דערנאָך האָט זי אויסגעפּוצט מיידעלען אין א נייעם מאַנטעלע און געשיקט צו דער באַבען אין וואַלד אריין.

גייט אזוי שיין־מיידעלע איבערן וועג — דערזעט זי דריי פּיק־סעלעך. איינעם אַ גאַנץ־גרויסן און צוויי קלענערע. דאָס גרעסערע שטייט לעבן א בערגל ציגל. ער נעמט א ציגל, באשמירט מיט צע־מענט, דערנאָך לייגט ער ארויף נאָך א ציגל; דאַן שמירט ער ווידער מיט צעמענט און לייגט ארויף נאָך אַ ציגל; און אזוי שטייט ער און

אַרבעט. דאָס קלענערע פּיקסעלע שפּילט אויף אַ פּידעלע — דידל, די־די, דידל, די־די". און דאָס דריטע פּיקסעלע שפּילט אויף אַ טרובע — טרו טו טו; טרו טו טו.

זאָגט שיין־מיידעלע —„גוט מאָרגן אייך, פּיקסעלעך! וואָס מאַכסטו אַזוינס פון די ציגל, פּאַפּאַ־פּוקס?"

— „גוט יאָר דיר, שיין־מיידעלע! איך בוי אַ שטוב פאַר מיינע קינדער", ענטפערט דער גרעסערער פוקס.

דאָ לויפן צו די צוויי קליינע פּיקסעלעך מיטן פּידעלע און טרובעלע און זיי באַגריסן אויך שיין־מיידעלע: „גוט מאָרגן, שיין־מיידעלע! ווילסט איך זאָל דיר עפּעס שפּילן אויף מיין פּידעלע?" און ער נעמט זיך גלייך שפּילן — דידל־די־די; דידל די די.

און דאָס צווייטע פּיקסעלע כאַפּט אונטער: — „און איך וועל שפּילן אויפן טרובעלע: „טרו טו טו, טרו טו טו".

שיין־מיידעלע האָט זיך זייער געפרייט מיט זייער שפּילן. אָבער זי האָט זיך דערמאָנט אַז די באָבעטשקע איז קראַנק און זי איז אודאי הונגעריק. זאָגט זי:

— „ווייסט איר אפשר אַ קורצן וועג ווי אַזוי צו קומען אין וואַלד צו מיין באָבען? זי איז קראַנק, דאַרף איך קומען זייער שנעל".

זאָגן די צוויי פּיקסעלעך: „אָט וועלן מיר דיך פירן דורך אַ שמאָלן שטעגעלע אין טיפן וואַלד, וועלן מיר אַרויסקומען זייער שנעל אויפן וועג צו דיין באָבעס שטיבעלע".

אָבער דער פּאַפּאַ־פוקס זאָגט: „ניין, קינדער, גייט בעסער איבערן ברייטן וועג, ווייל אין טיפן וואַלד איז דאָ אַ וואָלף — וועט ער נאָך שיין־מיידעלע אויפעסן און אייך ביידן שלעכטס טאָן". אָבער די פּיקסעלעך לאַכן זיך אויס פון וואָלף: „מיר וועלן ניט לאָזן דעם וואָלף שיין־מיידעלען טשעפּען. מיר זיינען דאָך עפּעס אין דרייען! מיר וועלן דעם וואָלף ווייזן ווי זיך צו טשעפּען! קום, שיין־מיידעלע!"

און זיי לאָזן זיך אַוועק. דאָס פּיקסעלע מיטן פּידעלע גייט פאָראויס און שפּילט — דידל די די; דידל די די. דאָס פּיקסעלע מיטן טרובעלע גייט נאָך און שפּילט — טרו טו טו; טרו טו טו, און נאָך די פּיקסעלעך גייט, אַ טאַנצנדיקע, שיין־מיידעלע.

קומען זיי אַזוי אַלע דריי, שפּילנדיק און טאַנצנדיק אין וואַלד אַריין.

פּלוצים, טוט אַ שפּרונג אַרויס פון אונטער אַ בוים אַ גרויער וואָלף און וויל זיך אַ וואַרף טאָן אויף שיין-מיידעלע. דאָס מיידעלע האָט גענומען לויפן אָן איין זייט, און די פּיקסעלעך האָבן זיך גענומען יאָגן אָן אַ צווייטער זייט, און ס'איז געוואָרן אַ געשריי און אַ גענויין.

דערווייל האָט זיך שיין-מיידעלע געגעבן אַ רוק אַריין אין געדיכטע קוסטעס און זיך דאָרט באַהאַלטן, און די פּיקסעלעך זיינען, דערשראָקענע, אַוועק מיט אַ ליאַרעם רופן זייער טאַטן.

זעט דער וואָלף אַז קיינער איז ניטאָ — זוכט און זוכט שיין-מיידעלען, און אַז ער געפינט זי ניט — לויפט ער אַוועק ווייטער אין וואַלד, און אַזוי לויפנדיק, טרעפט ער אָן דאָס שטיבעלע פון דער באַבעטשקע. טוט ער פּראַל אויף די טיר און קומט אַריין.

ווי די באָבע האָט אים דערזען — איז זי פּאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן פון בעט און זיך גענומען רוקן צו דער קיך-טיר; און ווי דער וואָלף האָט זיך געוואָלט אַ וואַרף טאָן אויף איר — האָט זי געגעבן אַ עפן די טיר, איז אַריין אין קיך און פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך.

דער וואָלף האָט געקלאַפּט און געהאַקט אין טיר מיט זיינע לאַפּעס, און אַז ער האָט געזען אַז ער קען די טיר ניט אויפברעכן, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן אין הויז, דערזעט ער אויפן בעט דער באָבעס קלייד און איר היטעלע און אויפן טישל אירע ברילן. פּוצט ער זיך אויס אין דעם ברייטן קלייד, טוט אָן דאָס היטעלע און די ברילן, לייגט זיך אַריין אין בעט, דעקט זיך איין מיט דער קאָלדרע און זאָגט צו זיך אליין: „איצט וועט שיין-מיידעלע זיך שוין ניט אויסדרייען פון מיינע הענט. זאָל זי נאָר קומען אַהער — כי-כי-כי, זי וועט מיינען ס'איז איר באָבע".

ווען שיין-מיידעלע האָט געזען, אַז דער וואָלף איז אַנטלאָפן — האָט זי געמיינט אַז זי וועט אים שוין מער ניט טרעפן — האָט זי געכאַפּט איר קוישעלע און זיך געלאָזט לויפן צום שטיבעלע.

אַ פאַרסאַפּעטע איז זי צו צו דער טיר און געזאָגט: „באָבע, דער וואָלף האָט זיך אויף מיר געוואָרפן, און איך בין קוים אַהער אַנטלאָפן". זעט זי די באָבע שווייגט, קומט זי צו נעענטער און זאָגט:

„באָבע, פאַרוואָס זיינען ביי דיר די אויגן אזוי גרויס?"
זאָגט דער וואָלף מיט א דין שטימעלע: „איך זאָל דיך קענען בעסער זען". קוקט שיין-מיידעלע, /עט זי — די באָבע איז עפּעס ניט ווי אלע מאָל, זאָגט זי: „באָבעטשקע, פאַרוואָס איז דיין נאָז עפּעס אזוי לאנג און גרויס געוואָרן?" זאָגט דער וואָלף אביסל בייז: „איך זאָל דיך קענען בעסער דערשמעקן". קוקט שיין-מיידעלע און הויבט זיך אָן צו שרעקן. „באָבע, ווי אזוי האָסטו באקומען אזעלכע גרויסע שאַרפע ציין?" ענטפערט דער וואָלף: „איך זאָל דיך קענען בעסער דערקייען!" און טאקע באלד, באַלד, גלייך, טוט ער א שפּרונג ארויס פון בעט און שיין-מיידעלע דערזעט — עס איז דער וואָלף. נעמט זי שרייען און לויפן איבערן צימער, און דער וואָלף לויפט נאָך איר. פאַר-טשעפּעט ער זיך אלע ווילע צוליבן לאַנגן קלייד, אָבער ער יאָגט שיין-מיידעלע אלץ ארום איבערן צימער, ביז זי קומט צו צו דער קיך-טיר — עפנט די באָבע אביסעלע די טיר, טוט א שלעפּ אריין שיין-מיידעלען און פארהאקט די טיר צוריק. דער וואָלף דערזעט דאָס — נעמט ער קלאפּן און האקן אין טיר — ער קען זי ניט אויפברעכן, אָבער ער גיט ניט אויף; ער קלאפּט און קלאפּט און קלאפּט.
דערווייל זיינען די צוויי קליינע פיקסעלעך געקומען ניט טויט. ניט לעבעדיק צו זייער פאַפּאַ-פוקס און גענומען שרייען: „פאַפּאַ, דער וואָלף איז באפאלן שיין-מיידעלע! פאפא, קום ראַטעווען דאָס מיי-דעלע!"
האָט פאפא-פוקס גלייך געכאפּט אַ לאָפּעטע, און א האמער און אַ שטעקן און אַלע דריי האָבן זיך געלאָזט לויפן אין וואַלד צו דעם פלאַץ וואו דער וואָלף איז זיי באפאלן. דער וואָלף איז שוין דאָרט ניט געווען. האָבן זיי געזוכט און געזוכט, און אזוי לויפנדיק און זוכנ-דיק זיינען זיי צוגעקומען צום שטיבעלע. קוקן זיי אריין דורכן פענצ-טער, זעען זיי — דער וואָלף שטייט אויסגעפּוצט אין א ברייט-לאַנג קלייד און קלאפּט און האקט אין טיר.
לייגט צו דער פאַפּאַ-פוקס א פינגער צום מויל און הייסט די קינדער שווייגן, און שטילערהייט, אויף די שפּיץ-פינגער גייען זיי אריין אין צימער. דערנאָך נעמט דער פאפא-פוקס אָן א לאָפּעטע מיט הייסע קוילן פון קאמין, טוט פאמעלעך א צי דער באָבעס קלייד

אויפן וואָלפ׳ס רוקן און טוט אַ שיט אריין די הייסע קוילן. אז דער וואָלף טוט א קוויטש פון ווייטיק, אז ער טוט א שפרונג, און אז ער טוט זיך אַ וואָרף אויפן דיל, און נעמט זיך קאטשען און דריגען מיט די פיס. אָבער די פוקסן ארבעטן שנעל. דער פאפא־פוקס טוט ווי־דער אַ וואָרף א לאָפּעטע הייסע קוילן דעם וואָלף גלייך אויפן בויך און אויפן פנים; און די קליינע פיקסעלעך נעמען אים קלאַפּן מיטן האמער אין קאָפּ און מיטן שטעקן איבער די פיס, אַז ס׳איז אַזש גע־גאַנגען א רויך. זיי האָבן אים אזוי צע׳הרג׳עט, אַז ער האָט זיך שוין ניט געקענט רירן פון אָרט. האָבן די פוקסן גענומען דעם וואָלף פארן קאָפּ און פאר די פיס און ארויסגעשליידערט אין דרויסן. דערנאָך זיינען זיי צוריק אריין אין שטיבעלע און געזאָגט:

„שיין־מיידעלע, באָבעטשקע! דאָס זיינען מיר, די דריי פיק־סעלעך. מיר האָבן שוין דעם וואָלף אזוי צע׳הרג׳עט, אז איר דארפט שוין מער ניט מורא האָבן. איר מעגט שוין ארויסקומען!״

האָט זיך די קיך־טיר געעפנט, און שיין־מיידעלע האָט אריינ־געפירט די באָבעטשקע און זיי האָבן זי אריינגעלייגט אין בעט אריין. די באָבעטשקע האָט זייער שטאַרק באַדאַנקט די פיקסעלעך און האָט זיי געבעטן זיי זאָלן דאָ בלייבן. שיין־מיידעלע האָט גלייך געגרייט צום טיש; האָט ארויסגענומען אַלע גוטע זאַכן פון קוישעלע און גע־בעטן אַלעמען צום טיש עסן. די פיקסעלעך האָבן זיך איינגעוואַשן און אָפּגעווישט מיט א ריין האַנטוך און זיך געזעצט עסן און טרינקען. אזוי ווי עס איז שוין געוואָרן נאַכט — האָט די באָבעטשקע געבעטן די פיקסעלעך צו נעכטיקן ביי איר אין שטוב. האָט שיין־מיידעלע פאַר זיי אויסגעבעט אַ געלעגער און אַלע האָבן זיך צופרידענע גע־לייגט שלאָפן.

# פֿאַר'ן שלאָפֿן־גיין

(א  ב י ל ד)

## איינטיילנעמער:

מ ו ט ע ר

א י נ ג ל (אַרום 8 יאָר אַלט)

(אַ קינדערש שלאָף-צימער. די ווענט זענען באַהאַנגען מיט בילדער־אויסשניטן פון צייטונגען: שיפן, עראָפּלאַנען, חיות, פּרעזידענטן: פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן ביז רוזוועלטן. אין אַ ווינקל זענען אָנגעוואָרפן שפּילצייט: א פייל און בויגן, אַ ביקס, אַ הילצערנער שווערד, פאַרשידענע „גיימס" (שפּילע־רייען). אויף אַ טישל — אַ סך קינדערשע ביכלעך און אזוי ווייטער. דאָס בעטל איז אויסגעבעט. אָוונט. עס קלינגט אכט אַזייגער).

**אינגל:**

(זיצט לעבן זיינע שפּילצייג אין אָנגעבלאָזענער. קוקט מיט בייזע אויגן אויף דער מוטער).

— — — „נאַר דו, ליגסט אַלץ אָפּ אויף מאָרגן.
יעדן אָוונט זאָגסטו: „מאָרגן!"
קענסטו מיך איצט שטראָפן, שטראָפן —
פרי וועל איך ניט גיין היינט שלאָפן!"

**מוטער:**
(מיט זיין נאַכט-העמד אין האַנט, מאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג).

**אינגל:**
(שטייט אויף, לויפט צו צו דער מוטער, קוקט איר אריין אין די אויגן).

„וועסט דערציילן — גיי איך שלאָפן;
קיינמאָל וועסט ניט דאַרפן שטראָפן!"

**מוטער:**
(לייגט אַוועק דאָס העמד, זיפצנדיק זעצט זי זיך אויפן בעטל, פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע דאַן טוט זי אַ שמייכל צום אינגל).

„גיב דיין האַנט און זעץ זיך דאַ,
קוק אויף מיר און הער זיך צו.
אין אַ טיף-געדיכטן וואַלד
שטייט אַ שטיבעלע אַ קליינס.
איז דאָס שטיבעלע שוין אַלט —
ס'האָט אַ טירעלע בלויז איינס.
אָבער פענצטער רונד אַרום
זענען דאָרט פאַראַן אַ סך,
און אַ קוימען רויטלט זיך
שטענדיק אויפן דאַך.
רק ער בלאָזט און בלאָזט פון זיך:
גאַנצע וואָלקנס גרויען רויך
שיקט ער חוצפה'דיק אַרויף

צו דעם בלויען הימל-הויך".

**אינגל:**

(פֿאַלט אַריין אין די רייד).

„מאַמעלע, דו וואַ—ר—ט אַ ווייל!
ועט דאָך אפשר ווערן גרוי
אונדזער שיינער הימל-בלוי?
כ'האָב אים פֿיינט, דעם רויך-גרוי!
דו דערציייל מיר בעסער איצט
ווי דאָס צימער קוקט דאָרט אויס
אינווייניק אַן שיינעם הויז".

(נעמט שפּרינגען איבערן צימער).

**מוטער:**

„וואַרט-זשע קינד מיינס,
שפּרינג ניט אום,
מיט דייקהאַנט נעם מיך אַרום".

**אינגל:**

(זעצט זיך אַוועק אויף אַ נידעריקן בענקל, נעמט אַרום מו-
טערס פֿיס).

**מוטער:**

„אין דעם קליינעם שטיבעלע
בלויז איין צימער איז פֿאַראַן.
וואוינט דאָרטן שוין יאָרן לאַנג
איין אַליין אַן אַלטער מאַן.
יאָרן, יאָרן, לאַנג צוריק
איז דער מאַן געווען יונג;
זיינע פֿיס — דער שטאָלצסטער טראָט;
זיינע הענט — דער ברייטסטער שוואונג;

און זיין קאָפּ — מיט לאָקן שוואַרץ,
פריי האָט זיך געהויבן הויך,
און זיין קערפּער — פעסט און שלאַנק,
האָט געאָטעמט פול מיט כח.
ער האָט פיינט געהאַט די שטאָט
מיט איר טומל און געשריי,
מיט איר פאַלשן גלאַנץ און שיין —
האָט ער זיך געלאָזט אַוועק
אין אַ טיפן וואַלד אַריין.
ווייט פון טומל און גערויש
האָט ער זיך אַ הויז געמאַכט,
און זיין פרייען יונגן טרוים
האָט ער אין זיין היים געבראַכט".

**אינגל:**
(קוקט אויף דער מוטער מיט גרויסע אומרואיקע אויגן. ביי די לעצטע ווערטער כאַפּט ער זי אָן ביים האַנט).

„מאַמע, מאַמע, וואַ—ר—ט אַ ווייל!
אין געדיכטן וואַלד אַליין?
האָט ער גאָר ניט מורא געהאַט
אַליין דאָרטן צו גיין?
האָט ער דען געהאַט אַ ביקס
און א בויגן מיט א פייל?"

**מוטער:**
(צעשמייכלט זיך, נעמט פאַמעלעך אָפּשפּילען זיין רעקל, ער באַמערקט ניט).

— — — „אי אַ בויגן, אי אַ פייל,
און א ביקס, אַ שאַרפן מעסער,
ער — דער שיינער, שטאָלצרע יונג
איז פון אַלע גרויסע — גרעסער!"

אינגל:

(דרייט זיך אומגעדולדיק אוים פון אירע הענט).

„מאמעלע, דו כאפ זיך ניט!
ווי זשע קען א ריז דארט שטיין
אז דאס שטיבעלע איז קליין?"

מוטער:

(כאפט אים צוריק, שטופט אים צו צום בעט, און זאגט אומגע־דולדיק־ברוגז׳לעך).

„אוי, דו קליינער חכם מיינער!
אלעם מוזסטו באלד פארשטיין;
אזא אינגעלע א קליינס
מעג שוין איצטער שלאפן גיין!"

אינגל:

(צופעט איר ביי דער האנט, קוקט מיט בעטנדיקע אויגן).

„בא—ל—ד, איך בעט דיך,
נאך א ווײלינקע דערצייל:
האבן אלע ווילדע חיות
צוגעהערט צו זיין באפעל?
ער — דער ריז, פון גרויסע גרעסער,
דארף שוין ניט קיין ביקס און מעסער".

(שטעלט זיך אוועק אין א שטאלצער פאזע און ציט אויס די רעכטע האנט).

„אז ער טוט נאר איין געשריי,
מיטן האנט ער טוט א דריי;
אז ער קוקט אויף זיי אראפ

(טוט א הויב דעם פוס אין דער לופטן און לאזט אים מיט כח ארונטער).

מיטן פוס ער טוט א טופּ,

(אַ ווײַלע קוקט ער אויף דער מוטער מיטן קאָפּ פאַרריסן, דאַן גלײַכט ער זיך נאָך מער אויס און זאָגט מיט א באַסאָווער שטמע:)

„איך וועל אויסוואַקסן אַ ריז!
כ'וועל ניט דאַרפן פייל און שפּיז!
כ'וועל נאָר געבן איין באַפעל —
וועט צי—ט—ע—ר—ן אויף זיי די פעל.
בער, און לייב, און וואָלף און פוקס
וועלן רוקן זיך געשווינדט
ווי געטריבן פונעם ווינט
גלייך צו מיר אין האַנט אַריין!

(שטרעקט אויס שטאָלץ זיין ברוסט-קאַסטן)

אַט אַ—ז—אַ ריז וועל איך זיין!"

(עס הערט זיך פון צווייטן צימער ווי דער זייגער קלינגט 9).

**מוטער:**

„זיכער, זונעלע דו מיין,
אַט אַ—ז—אַ ריז וועסטו זיין!
נאָך אַ יאָר, און צוויי, און דריי —
ס'וועט די צייט גאָר שנעל פאַרביי.
נאָר דערווײַלע — באַי! ביי!"
(ער לייגט זיך אַריין אין בעט. זי לעשט אויס דאָס ליכט און גייט אַרויס).

**אינגל:**

(מיט האַלב פאַמראַכטע אויגן).
„נאָך אַ יאָר, און צוויי, און דריי —
— — — ס'וועט פאַרביי — — —
אַט אַ—ז—אַ ריז וועל איך זיין — — —
( פ אַ ר ה אַ נ ג )

# די מעשה מיט צוויי בערן

אין אַ טיפן געדיכטן וואַלד האָט געוואוינט א גרויסער שוואַרצער בער. איז ער געווען זייער א פוילער. גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט פלעגט ער אָפּליגן אין זיין נאָרע און שלאָפן. און אַז ער איז הונגעריק געווען האָט ער זיך געפוילט גיין זוכן עסן, פלעגט ער אריינכאַפּן זיין לאַפּע אין מויל און זי געזויגן. אזוי פלעגט ער אָפּליגן אַ גאַנצן ווינטער און שלאָפן. האָט מען אים דערפאַר גערופן: „פוילער פּעפּער".

אַז פרילינג איז געקומען אין וואַלד אריין און די וואַרימע זון האָט צעשמאָלצן דעם שניי, איז דער „פוילער פּעפּער" ארויסגעקראָכן פון זיין נאָרע, זיך פויל אויסגעצויגן, זיך אויסגעגעניצט, און גענומען פּאַמעלעך שפּאַצירן איבערן וואַלד. פילט ער ס'איז אים טרוקן אין מויל, און עס ווילט זיך אים עפּעס' עסן. גייט ער אזוי אַרום און זוכט מיט די אויגן, און ווייסט ניט וואָס ער וויל.

באַגעגנט ער א צווייטן בער. יענער גייט זיך אזוי איבערן וואַלד און זינגט אונטער — בו בו בו! בו בו בו! באַגריסן זיי זיך. זאָגט דער פוילער בער: „שיין אין דרויסן היינט! עפּעס גלוסט זיך מיר אַ גוטע זאַך! ס'איז מיר זויער און ביטער אין מויל. וואָס עסט מען?"

זאָגט דער צווייטער בער: „האָניק איז א גוטע זאַך. נעם אביסל האָניק און עס".

— „וואו-זשע נעמט מען האָניק?" פרעגט דער פוילער בער.

— „וואָס הייסט וואו? מע גייט צו די בינען אין בינשטאָק. זיי האָבן האָניק גענוג!" זאָגט דער צווייטער בער.

— „און וואו זיינען די בינען מיטן בינשטאָק?" פרעגט דער פוילער.

— „וואָס הייסט וואו?״ בייזערט זיך דער צווייטער בער, „אַז מע זוכט—געפינט מען. האָסט אויגן מיט אַ נאָז? קוק, שמעק—וועסט שוין געפינען!״

— „איך פויל זיך. זאָג מיר בעסער וואו דער בינשטאָק איז, וועל איך פאַרשפּאָרן זוכן, איך בין הונגעריק!״

— „אז דו פוילסט זיך, איז שלעכט. אָבער דאָס מאָל וועל איך דיר ווייזן. שפּעטער — זאָרג זיך שוין אליין. זעסט יענעם דיקן בוים? דאָרט איז אַ בינשטאָק. אַ גוטן טאָג, פוילער!״

איז דער פוילער בער אַוועק צום בינשטאָק. קומט ער צו און קלאַפּט אָן אין בוים: „סטוק, סטוק, סטוק!״ פרעגן די בינען: „ווער איז דאָרט?״ פוילט זיך דער בער צו ענטפערן, נאָר ער קלאַפּט ווידער, שטאַרקער: „סטוק, סטוק, סטוק!״ פרעגן די בינען העכער: „ווער קלאַפּט עס דאָרט?״ ענטפערט ער ניט, נאָר ער קלאַפּט שטארקער און שטאַרקער: „סטוק, סטוק, סטוק!״

האָבן די בינען געעפנט די טיר, זיי גיבן א קוק — אַ גרויסער שוואַרצער בער שטייט. פרעגן זיי: „וואָס ווילסטו?״ זאָגט ער: „איך וויל האָניק. איך בין הונגעריק!״

— „אַזוי!״ זאָגן די בינען, „דו ביסט הונגעריק! מיט וואָס באַשעפטיקסטו זיך? וואָס טוסטו?״

— זאָגט דער בער: „איך טו גאָרניט.״ „גאָרניט?״ — וואונדערן זיך די בינען, — „וואָס האָסטו ליב צו טאָן?״

— „איך האָב ליב צו שלאָפן״, זאָגט ער, „גיט מיר אביסל האָניק!״

אָבער די ארבעטסזאַמע בינען ווערן בייז פון אַזאַ ענטפער.

— „ווייסטו אַז מיר ארבעטן זייער שווער ביז מיר מאכן האָניק? אונדז קומט אָן זייער שווער צו זאַמלען דעם זאַפט פון פארשידענע בלומען, בלעטער און גראָזן. ביז מיר קריגן אביסל האָניק מאַטערן מיר זיך גענוג אָן. מיר ארבעטן טאַקע שווער, אָבער דערפאַר האָבן מיר האָניק צו זאַט!״ באַרימען זיך די בינען.

— „צו וואָס ארבעטן שווער? איך האָב דאָס ניט ליב. איך האָב בעסער ליב עסן און שלאָפן!״ זאָגט דער פוילער.

— „און אַז דו האָסט ניט וואָס צו עסן?״ פרעגן די בינען.

— „שלאָף איך!" זאָגט דער בער.

דערווייל זעט ער עס שטייט א גרויסע שיסל מיט האָניק. וויל ער איינטונקען זיין לאַפּע און נעמען. ווערן די בינען בייז און גיבן זיך אַ לאָז צו אים מיט א „בזזזזז" און נעמען אים בייסן און שטעכן אזוי, אַז דער בער האָט זיך צערעוועט פאר ווייטיק.

— „בזזז-בזזז!" האָבן זיי געשריגן, „ארבעטן פוילסטו זיך, און האָניק ווילסטו פרעסן? נאַ, נאַ ,און נאָך אמאָל נאַ!" האָבן זיי אים געביסן אזוי לאַנג און שטארק, ביז ער האָט געמוזט אַנטלויפן.

איינמאָל פליען אזוי די בינען אַרום אין וואַלד. דערזעען זיי, עס שטייט א גרויסער טונקל-ברוינער בער און האַקט האָלץ מיט א האַק. דערנאָך נעמט ער אַ זעג און זעגט דאָס האָלץ אויף קלענערע און די-נערע קלעצלעך. וואונדערן זיך די בינען זייער. נאָר זיי איילן זיך צו זאַמלען זאַפט פון בלומען. אויף מאָרגן פליען זיי ווידער ארום אין וואַלד, דערזעען זיי ווידער דעם זעלביקן בער. ער שטייט און קלאַפּט טשוועקעס אין ברעטלעך און איז שטאַרק פאַרטאָן אין זיין ארבעט. פרעגן די בינען: „בער, וואָס מאכסטו פון די ברעטער?" זאָגט ער: „איך מאַך א בעטל פאר מיין קליין בערעלע, און איך וויל נאָך מאַכן אַ טיש אין קיך פאר מיין בעריכע!" באַרימט ער זיך.

וואונדערן זיך די בינען וואָס א בער קען מאכן אַזעלכע נוצלעכע זאַכן, און עס געפעלט זיי שטאַרק. זאָגט די עלטסטע בין:

— „בער, אויב דו קענסט מאַכן אַזעלכע פיינע זאַכן, אפשר קענ-סטו צורעכט מאַכן אַ בינשטאָק? אונדזער בינשטאָק איז צו קליין און מיר דארפן א גרעסערן".

— „פאַרוואָס ניט? איך קען!" זאָגט דער בער. „וואו איז ער-גען אייער בינשטאָק?"

די בינען דערפרייען זיך זייער, און נעמען זשומען און טאַנצן: „בזזז! מירן האָבן אַ גרויסן בינשטאָק! בזזז! דו זאָלסט גיין א שטעגעלע רעכטס און אַ שטעגעלע לינקס, דערנאָך וועסטו דערזען א גרויסן, דיקן בוים—דאָרט איז אונדזער בינשטאָק!"

און די בינען זיינען אַוועק אהיים זיך צוגרייטן פאר דעם בער.

גייט אַוועק אַ טאָג. גייט אַוועק אַ נאַכט, און נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט, און דער בער איז ערגעץ נישטאָ. קומען די בינען צו-

פליען צום בער און פרעגן:

— „פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען אַרבעטן?" זאָגט ער: „איך האָב באדארפט פריער ענדיקן דאָס בעטעלע פאַר מיין קינד, מאָרגן קום איך!"

אויף מאָרגן, נאָך גאָר, גאָר פרי הערן די בינען ווי די צווייגן קנאַקן צווישן די בוימער, און עס הערט זיך א קלאפּן און האקן, און א זעגן פון אַ זעג. דערנאָך דערהערן זיי לעבן בוים שווערע טריט. זיי גיבן א קוק דורכן פענצטער — דער בער שטייט לעבן בינשטאָק, זעגט ברעטלעך און שניצט זיי, און מאכט זיי גלאַט מיט א הובעל, דערנאָך קלאפּט ער אָן אין טיר: — „גוט מאָרגן, בינען! אָט בין איך דאָ! איך האָב שוין ברעטלעך פאַרטיק!"

די בינען האָבן אים זייער פריינטלעך אויפגענומען און די עלטס׳טע בין פרעגט אים:

— „האָסט שוין געגעסן?"

— „ניין", זאָגט ער — „איך האָב זיך געאיילט צו דער ארבעט".

נעמט די בין און גיט אים אַ גאַנצע שיסל מיט האָניק און זאָגט:

— „נאַ, עס, וועסטו האָבן כח צו ארבעטן!"

דער בער האָט געארבעט אַ גאַנצן טאָג און די בינען האָבן אים אַלע מאָל אונטערגעטראָגן אַ שיסעלע האָניק. דער בער האָט געגעסן און זיך אַזש באַלעקט פאַר פאַרגעניגן.

אַז ער האָט שוין דעם בינשטאָק פאַרטיק געמאכט האָבן אים די בינען געגעבן אַלס באַלוינונג אַ סך האָניק א היים פאַר זיין בעריכע און קליינעם קינד.

# דאָס אָרימע קעצל

לייבעלען א מתנה.

1

אין א טאָל וואָס האָט זיך צוגעשפּאַרט לעבן הויכע בערג האָט געלעבט אַ גראָ קעצל מיט ווייסע פּלעקן אויף די פּיס. דאָס קעצל איז געווען אַ יונגס, אַ לוסטיקס, און עס איז ארומגעלאָפן, געטאַנצט און געשפּרונגען און געיאָגט זיך נאָך מייזלעך, וואָס׳ איר מאַמע־קאַץ האָט איר אויסגעלערנט ווי צו כאַפּן.

האָט זיך איינמאָל געטראָפן אז אזוי שפּרינגענדיק נאָך א מייזל אין פעלד איז דאָס קעצל פארקראָכן אויף א בארג. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן — קיין מייזל איז ניטאָ. אָבער דערזען האָט דאָס קעצל עפּעס א נייע וועלט: א הויכן באַרג, און בוימער אַ סך, און אַלץ איז אזוי פרעמד, און די מאַמע־קאַץ איז נישטאָ. האָט זיך דאָס קעצל דערשראָקן און גענומען גיין און גיין, און גייענדיק האָט עס רחמנות׳דיק געוויינט: „מיאַו, מיאַו!״

פּלוצים דערזעט עס אַ שטיבעלע, אַ קליין אַלט שטיבעלע. פון קוימען שפּאַרט א רויך, און פאַרן טיר דרייען זיך ארום אַ פּאָר הינער און פּיקן אין גראָז. קוקט דאָס קעצל אויפן שטיבעלע, אויף די הינער וואָס פּיקן אין גראָז, און דערפילט אַז עס׳ איז הונגעריק. עס זעט ווי די הינער גייען אַלץ נעענטער צום שטיבעלע, גייט עס זיי נאָך, און שוין האַרט ביים גאַניק באַמערקט עס אַן אָפענע טיר. גייט עס פּאַמעלעך אַריין.

ביים טיש זיצט אַן אַלטיטשקע פרוי שוין אינגאַנצן גראָ, און

אויפן טיש שטייט מילך און פוטער און קעז און ווייס־ברויט; די אַל־טיטשקע זיצט און עסט. פאַרקלעמט דעם קעצל דאָס האַרץ, עס ווילט זיך אזוי עסן... שאַרט עס זיך צו צו דער אַלטיטשקער, טוט זיך אַ רייב אין איר פוס און צעוויינט זיך: „מיאַו, מיאַו!"

קוקט זיך אום די אַלטע פרוי — אוי, פון וואַנען האָט זיך אהער גענומען אַ קעצל? הויבט זי אויף דאָס קעצל פון דער ערד, לייגט עס צו זיך אין שוים אריין, גלעט עס איבערן קעפּעלע און פרייט זיך: „פון וואַנען ביסטו געקומען, קעצעלע? ביסט הונגעריק, אַה, הונגעריק? נאַ דיר מילך אַ שיסעלע, עס, עס, קעצעלע!"

...פררר!... ענטפערט קעצל און לעקט, לעקט געשווינד די מילך פון שיסעלע און קלאַפּט דער אַלטער פרוי אין פוס מיט איר עק.

אָט אזוי האָט דאָס גראָע קעצל געפונען א נייע היים און אינגאַנצן פאַרגעסן דעם טאָל.

אינדערפרי פלעגט דאָס קעצל אריינלויפן צו דער אלטער אין צימער, ווען יענע איז נאָך געלעגן אין בעט, און זי וועקן: „מיאַו, מיאַו!"

פלעגט די אַלטע עפענען די אויגן, זיך צעשמייכלען מיט אַלע אירע קנייטשן אויפן פנים און זאָגן: „ווילסט שוין עסן, דו גנב'טע, ווילסט שוין, יאָ?"

און אַ גאַנצן טאָג — וואו די אַלטע איז געגאַנגען, פלעגט דאָס קעצל איר נאָכגיין, און אַז די אַלטיטשקע איז געזעסן אויף איין אָרט, פלעגט קעצל שטיפן מיט די הינער אָדער זיך וואַרימען אויף דער זון.

איין מאָל האָט זיך די אַלטיטשקע דערפילט נישט געזונט. איז זי געזעסן אין איר טיפן ווייכן שטול און געגלעט דאָס קעצל ביי זיך אויפן שוים. זיצט זי אזוי פאַרטראַכט, קוקט און פענצטער און טוט אַ זאָג: „אָרים קעצל, וואָס וועסטו טאָן, אַז איך וועל שטאַרבן? ווער וועט דיר געבן עסן?" דאָס קעצל האָט זיך נאָך טיפער איינגענורעט אין דער אַלטער'ס שוים, געקוקט אויף איר, געפינטלט מיט די אויגן און געענטפערט: „מיאַו, מיאַו!"

„מיאַו, מיאַו!" קרימט איר איבער די אַלטיטשקע מיט אַ שמייכל, „דאָס איז אַלץ וואָס דו ווייסט. אַז איך וועל שטאַרבן וועסטו דאָך בלייבן די באַלעבאָסטע, זאָלסטו ניט אוועק פון הויז, הערסט? וועסטו שוין ניט זיין קיין אָרים קעצל, נאָר אַ רייכע קאַץ!"

און פונקט ווי דאָס קעצל וואָלט זי פארשטאנען האָט עס' זיך שטאָלץ צעלייגט ביי דער אלטער איבערן גאַנצן שויס, דאַן באַלד ארונטערגעשפּרונגען אויפן דיל און גענומען שפּאנען הין און צוריק פאַר דער אַלטער, ווי צו ווייזן, אַז זי, קעצל, וועט שוין קענען ווערן די באַלעבאָסטע, ווייל זי איז שוין כמעט אַ גרויסע קאַץ.

אָבער נאָך אַ סך פרימאָרגנס זיינען אַוועק און קעצל האָט נאָך אַלץ געוועקט דער אלטער פון בעט און די אַלטע האָט זי נאָך אַלץ באַגריסט:

„גוט מאָרגן, קעצל, גוט מאָרגן! ווילסט שוין עסן?” און פריילעך איז געוואָרן דער איינזאַמער אַלטיטשקער מיט קעצלען, און וואַרים און זאַט איז געווען קעצלען מיט איר גוטער באַלעבאָסטע.

2

איינמאָל, אין אַ קילן פרימאָרגן האָט קעצל עפּעס ניט געקענט דערוועקן דער אַלטער. וויפיל עס' האָט ניט געשריגן „מיאַו, מיאַו!” שטילער, און העכער, און אפילו קוויטשעדיק — אָבער דער „גוט־מאָרגן, קעצל!” איז אַלץ ניט געקומען... האָט זיך קעצל דערשראָקן און זיך גענומען דראַפּען אויף דער קאָלדרע פון בעט, און זיך גענומען רייבן און לעקן דער אַלטער'ס הענט. אָבער דאָ האָט דאָס קעצל דערפילט אַז די באַלעבאָסטע איז קאַלט, קאַלט און פאַרגליווערט. האָט זיך קעצלען נאָך מער געוואָלט דער באַלעבאָסטע אויפוועקן, האָט עס אַ גראַבל געטאָן מיט אירע שאַרפע נעגעלעך אין דער אַרונטערגעהאַנגענער האַנט, נאָר די האַנט האָט זיך ניט גערירט.

איז קעצל געבליבן זיצן לעבן בעט און געקוקט אויף דער אַלטער, און האָט זיך דערמאָנט ווי די אַלטע האָט זיך געקליבן שטאַרבן, און קעצלען פאַרזאָגט ניט פאַרלאָזן דאָס הויז און צו ווערן די באַלעבאָסטע... האָט קעצל מיט שטאָלץ אַ טראַכט געטאָן: „איצט בין איך שוין אַ גרויסע קאַץ!”

האָט קעצל אויפגעזוכט דאָס בינטל שליסלען וואָס' די אַלטע פלעגט האַלטן אין אַ שופלאָד ביים בעט, האָט דאָס אריינגעכאַפּט אין

מויל און מיט די שליסלען זיך ארומגעדרייט אין הויז. דאָן איז עס ארויס אינדרויסן צו די הינער און זיך געדרייט פאַר זיי, ווי איינער רעדט: „זעט מיט וועמען איר האָט צו טאָן! איך בין שוין די באַלעבאָסטע!"

וואָס צו עסן אין שטוב איז געווען, האָט זי געגעסן און געטרונקען און זיך געגרויסט פאַר זיך אליין און פאַר די הינער אין דרויסן. אָבער אין צוויי טעג אַרום איז אויסגעגאַנגען די מילך פון שיסל, און די זויערמילך פון קריגל און אפילו דער גאַנצער קעז און די פּוטער איז שוין געווען אויפגעגעסן און אויסגעלעקט. איז געוואָרן טרויעריק קעצלען אויפן האַרצן. און עסן ווילט זיך פאָרט.

האָט עס ווידער גענומען די שליסלען אין מויל און איז געגאַנגען נישטערן אין די שופלאָדן און שאַפקעלעך, פּונקט ווי איר אַלטע באַלעבאָסטע פלעגט טאָן. האָט קעצל טאַקע געפונען דאָרט א סך זאַכן: רויע קאַרטאָפל, ציבעלעס און אויסגעטריקנטע קוקורוזע; צוקער, טיי, און אפילו קאַווע; און אמת'ע שאָקאָלאַד א גרויסע שטיק. אָבער וואָס קומט ארויס — קעצל ווייסט ניט וואָס מע טוט מיט די אַלע זאַכן, אז מע זאָל זיי קענען עסן. אַז איר גיט זיך שוין יאָ איין עפּעס איינצו־בייסן — האָט עס ערשט קיין טעם ניט, גאָר ניט ווי די באַלעבאָסטע פלעגט דאָס מאַכן...

וואָס־זשע טוט מען? אָט איז זי שוין אַליין די באַלעבאָסטע, און איז א גרויסע קאַץ געוואָרן, און דאָך איז זי הונגעריק... שטייט קעצל צווישן אַלע זאַכן, פינטלט מיט די אויגן, טראַכט און וויינט: „מיאַו, מיאַו!"

אזוי טראַכטנדיק, איז קעצל ארויס פון שטיבעלע און זיך געלאָזט גיין איבערן וועג.

געגאַנגען און געוויינט; געגאַנגען און געמיאַוקעט. און פּלוצים האָט עס זיך ארומגעזען, אז עס זעט זיך שוין מער ניט דאָס שטיבעלע, און אַז זי איז גאָר עפּעס אין אַ טאָל, אין א פרעמדן פּלאַץ.

און פּלוצים האָט זי דערזען דורכלויפן א פעלד־מייזל. האָט זיך קעצל גענומען לויפן און שפּרינגען און זיך יאָגן נאָך דעם מייזל; און אזוי לויפנדיק האָט עס דערזען עטלעכע שטיבעלעך מיט אַלטע און יונגע פרויען ביי די טירן — באַלעבאָסטעס, הייסט עס, און קינדער

שפּילן זיך פאַר די טירן. איז קעצל צו איין שוועל צוגעגאַנגען. איז דאָרט געזעסן אַ מיידעלע און געגעסן קאַשע מיט מילך. האָט זיך דאָס קעצל צוגערוקט, זיך א רייב געטאָן אָן מיידעלעס האַנט און טרויעריק אַרויסגעזונגען: „מיאו, מיאו!"

האָט דאָס מיידעלע צוגערוקט צום קעצל דאָס שיסעלע מיט קאַ־שע און געזאָגט:

— „ביסט הונגעריק? נאַ, עס, אָרים קעצל, עס, איך וויל שוין ניט מער!"

ווען קעצל האָט איר אַלטן נאָמען דערהערט, האָט זי זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן פאַר פרייד. זי האָט זיך דערפילט אַזוי גוט, וואָס אָט איז זי שוין ווידער אַן אָרים קעצל, און דאָך האָט זי מילך צו טרינ־קען, און אַ האַנט זי צו גלעטן...

איז זי שוין ביי דעם הויז פאַרבליבן.

ווידער האָט זי זיך נאָך מייזלעך געיאָגט, זיך אויף דער זון גע־וואַרימט און ביי דער נייער באַלעבאָסטע אין שויס זיך גענורעט.

# די רייזע אין א וואָלקן שיף

אמאָל איז געווען אַ אינגל וואָס האָט געהייסן פידל־דאַם, האָט ער געוואוינט אין דער שיינער שטאָט אַמסטערדאַם. פידלדאַם האָט געהאַט אַ שול־חבר, האָט ער געהייסן טידלדאַם. ביידע איגלעך האָבן זיך זייער ליב געהאַט, און פלעגן אַלע טאָג קומען צוגאַסט איינער צום אַנדערן און אפילו מאַכן די לעקציעס צוזאַמען.

האָט איינמאָל געטראָפן אַז טידלדאַמ׳ס עלטערן האָבן זיך באַזעצט אין אַן אַנדער שטאָט מיטן נאָמען ראָטערדאַם. די אינגלעך האָבן זייער געבענקט איינער נאָכן אַנדערן. דערהויפּט האָט געבענקט פידלדאַם.

גייט ער אזוי ארום און טראַכט ווי אזוי געפינט מען אַ וועג אַריבערצוקומען אין דער ווייטער שטאָט ראָטערדאַם צו זען זיין טייערן חבר טידלדאַם.

איינמאָל זיצט ער אזוי טרויעריק ביים פענצטער און קוקט ארויס צום הימל, זעט ער — א גרויסער וואָלקן שווימט זיך אזוי איבערן הימל, און אָט קוקט ער אויס ווי אַ גרויסער ים־פּוש, וואָס ער האָט געזען אמאָל אין אַ בוך, און אָט קוקט ער שוין גאָר אויס ווי א שיף מיט קוימענס, וואָס ער האָט טאַקע נאָרוואָס געזען אין זיין ביל־דער־בוך.

טראַכט ער: „האַ, ווען איך וואָלט געקענט זיין אויף אָט דעם גרויסן וואָלקן און שווימען מיט אים צוזאַמען”. קוקט ער אזוי און

זעט ווי דער וואָלקן לאָזט זיך אַרונטער אַלץ נידעריקער און נידעריקער, ביז ער איז שוין כמעט איבערן בוים ביים הויז. בויגט זיך דאָס אינגל אַרויס דורכן פענצטער און זאָגט אַזוי:

— „וואָלקן, וואָלקן, וואוהין שווימסטו? וואָלקן, ווי ווייט קענסטו שווימען?"

ענטפערט דער וואָלקן: „איך שווים איבער בערג און איבער טאָלן; איבער פעלדער און איבער וועלדער; איבער טייכן און ים'ען, איבער שטעט און איבער דערפער". דערפרייט זיך זייער טידלדאַס וואָס דער וואָלקן האָט אים געענטפערט. ווערט ער דרייסטער און פרעגט: „וואָלקן, וואָלקן, ווייסטו אפשר עפּעס וועגן אַ שטאָט ראָטערדאַם?"

ענטפערט דער וואָלקן: „יאָ, איך ווייס וועגן דער שטאָט ראָטערדאם. איך שווים איבער אַלע שטעט פון דער וועלט". זאָגט פידלדאַס: „איך האָב אַ חבר טידלדאַס, וואוינט ער אין ראָטערדאם, און איך בענק זייער שטאַרק נאָך אים. אוי, ווען איך זאָל קענען שווימען מיט דיר קיין ראָטערדאם... וואָלסטו מיך וועלן מיטנעמען?

— „יאָ", זאָגט דער וואָלקן, „קריך אַרויף אויפן בוים, וועסטו זיך אַריינזעצן אין מיין שיף און מיר וועלן שווימען".

פידלדאַס האָט ניט לאַנג געטראַכט, ער האָט זיך גלייך אַרויפגעדראַפּעט אויפן בוים און זיך באַלד אַריינגעזעצט אין דער שיף.

— „האַלט זיך גוט צו, אינגעלע, זאָלסט ניט אַרויספאַלן, ווייל עס איז אַ שטאַרקער ווינט!" האָט דער וואָלקן געוואָרנט פידלדאַמען. און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבערן הימל. דער ווינט איז זיך פאַרגאַנגען אין זיין הו-ו-ו, הו-ו-ו-געשריי און געטריבן די וואָלקן-שיף מיט אַזאַ שנעלקייט, וואָס מען קען גאָר ניט אויסמעסטן. די שיף האָט זיך געטראָגן איבער שפּיציקע הויכע בערג, אָט באַוואַקסענע מיט בוימער, און אָט גרויע, און איבער נאַקעטע, שפּיציקע פעלזן. און אָט ענדיקן זיך די בערג, און עס הויבן זיך אָן באַווייזן טאָלן. איינציקע זיינען ניט קיין באַוואוינטע, אַנדערע האָבן עטלעכע שטיבעלעך צעוואָרפן דאָ און דאָרט. אין אַזעלכע טאָלן הערט זיך דאָס בילן פון הינט, דאָס מיאַוקען פון קעץ, דאָס מעקען פון קי און ציגן.

אָט שווימט שוין די שיף איבער שיינע פעלדער, און אָט טראָגט

זי זיך איבער געדיכטע וועלדער, און דער ווינט הערט ניט אויף צו בלאָזן און פּייפן זיין מעכטיקן הו־ו־ו, הו־ו־ו.

פּידלדאַם האַלט זיך אָן אין וואָלקן מיט אַלע כוחות ער זאָל ניט אַרויספאַלן. אָט נעמען זיך שוין באַווייזן קליינע שטעטעלעך, און אָט שווימט שוין די שיף איבער גרויסע שטעט מיט הויכע קוימענעס, מיט שפּיצן פון קלויסטערס, שטעט מיט הויכע טורעמס, מיט באַנען און אויטאָמאָבילן, און מיט אַ סך, אַ סך מענטשן. און אַזוי טראָגט זיך די וואָלקן־שיף ווייטער און ווייטער — ביז זי קומט אָן צו גאָר אַ גרויסער שטאָט. „אָט זיינען מיר שוין אין ראָטערדאַם!" זאָגט דער וואָלקן. די שטאָט האָט געהאַט הויכע קוימענס, גרויסע און קליינע טורעמס; גרויסע מויערן, קליינע הילצערנע הייזער מיט גערטנער; און באַלקאָנען מיט בלומען און שיינע פּאַרקן, מיט אַ טייך, און נאָך און נאָך שיינע זאַכן.

ווען דער וואָלקן איז צוגעקומען צו אַ פּאַרק — פרעגט ער דעם אינגל: „וואו וואוינט דיין פריינט טידלדאַם?"

ענטפערט פּידלדאַם: „איך ווייס ניט. ער וואוינט אין דער שטאָט ראָטערדאַם. זיינען דאָ קינדער אין דעם פּאַרק?"

— „יאָ, דאָרטן זיינען איצט דאָ אַ סך קינדער", זאָגט דער וואָלקן.

נעמט פּידלדאַם שרייען: „טידלדאַם, טידלדאַם! טידלדאַם, טידל־דאַם!". דערהערט אַ אינגל אין פּאַרק ווי עמיצער רופט זיין נאָמען (ווייל טידלדאַם איז גראָד געווען אין פּאַרק). קוקט ער זיך אַרום און ווייסט ניט ווער עס רופט אים. הערט ער ווידער: טידלדאַם, טידלדאַם! דאָס קול קומט פון דער הויך. טוט ער אַ קוק צום הימל — זעט ער — עפּעס אַזאַ גרויסער וואָלקן ווי אַ שיף הענגט איבער אַ דיקן בוים, און טאַקע גלייך דערהערט ער ווידער ווי מען רופט אים: „טידלדאַם, טידלדאַם!" ער טוט אַ קוק, אַ אינגעלע זיצט דאָרט אין וואָלקן און מאַכט צו אים מיט די הענט. שרייט אויס טידלדאַם — „ווער רופט עס מיך? איך בין טידלדאַם!"

ווי פּידלדאַם האָט דאָס דערהערט — האָט ער זיך זייער דער־פרייט און גענומען שרייען: „דאָס בין איך, פּידלדאַם! דיין חבר פּידלדאַם!"

האָט טידלדאַם גלייך געגעבן אַ קלעטער אַרויף אויפן בוים, און

פידלדאַם איז דערוויל אַרויס פון שיף אויפן בוים, און די אינגלעך האָבן זיך געהאַלטן ביי די צווייגן און זיך געקושט.

זאָגט טידלדאַם: „אוי, וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער וואָלקן דאָס איז! און ער האָט דאָס דיך געבראַכט צו מיר? האָב איך אים שטאַרק ליב דערפאַר! קום מיט מיר אַהיים, זועט מיין מאַמע דיר געבן גוטע זאַכן צו עסן, און איך וועל דיר געבן מיין נייע באַן מיט די רעלסן אַ מתנה".

זאָגט פידלדאַם: „נו, און דער וואָלקן מיט דער שיף?"

קוקט טידלדאַם אויפן וואָלקן און זאָגט טרויעריק — „דער וואָלקן איז צו גרויס, און אונדזער שטוב איז קליין, ער וועט ניט אַריין".

זאָגט פידלדאַם צום וואָלקן: „וואָלקן, טייערער, אויב איך וועל אַביסל גיין צו מיין חבר טידלדאַם, וועסטו ניט אַוועקשווימען אָן מיר? וועסט מיך נעמען צוריק צו מיין מאַמען אין אַמסטערדאַם?

— „צום באַדויערן", ענטפערט דער וואָלקן, „קען איך דיר ניט צוזאָגן, אַז איך וועל דאָ אויף דעם פּלאַץ לאַנג פאַרבלייבן, ווייל דער ווינט איז זייער אַ קאַפּריזנער. ער קען מיך נאָך אַוועקטראָגן פון דאַנען און איך וועל זיך ניט קענען העלפן. אַזוי לאַנג ווי דער ווינט רוט זיך אָפּ, אָדער ער שלאָפט — בלייב איך אויף איין פּלאַץ. אָבער אַזוי שנעל ווי ער כאַפּט זיך אויף און נעמט זיך באַוועגן — מוז איך שווימען ווייטער".

— וואָס-זשע טוט מען? זאָרגן זיך די חברים, פידלדאַם און טידל-דאַם.

— „שפּילט זיך אָט דאָ אין פּאַרק", זאָגט דער וואָלקן — „און אַז איך וועל זיין גרייט צו שווימען, וועל איך אייך לאָזן וויסן".

פידלדאַם און טידלדאַם האָבן זיך גענומען פאַר די הענט און געלאָפן קויפן אייז-קרים, און ווי זיי זיצן אַזוי און עסן — ערשט זיי דערהערן אַ הו הו הו הו, הו הו הו — און די בוימער האָבן זיך גענומען שושקען און שאָרקען, און שטויב האָט זיי גענומען בלאָזן אין די אויגן. זיי טוען זיך אַ כאַפּ — דער וואָלקן שרייט צו זיי דורכן ווינטס געפילדער: — „שנעל פידלדאַם, שנעל, איך שווים שוין. קריך אויפן בוים וואָס שנעלער!" פידלדאַם האָט זיך געשווינד אַרויפגע-כאַפּט אויפן בוים און זיך קוים אַריינגעכאַפּט אין דער וואָלקן-שיף,

און באַלד האָט זיך די שיף געגומען טראָגן איבערן הימל.

— „זײַ געזונט, טידלדאַם! — זײַ געזונט, פּידלדאַם!“, האָבן די קינדער געשריגן אײנער צום צווייטן, און דער וואָלקן האָט זיך געהויבן העכער און העכער, ווייטער און ווייטער, ביז מע האָט שוין קײן קול ניט געקענט הערן, און ווידער זײַנען זײ געשוואומען איבער פעלדער און וועלדער, איבער בערג און טאָלן, איבער טײַכן און טײַכלעך, איבער שטעט און דערפער.

די זון איז פאַרגאַנגען, דער הימל האָט אַרויסגעקוקט מיט זײַנע פינקלדיקע שטערן־אויגעלעך אויף דער וועלט. עס איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער, און אַז עס׳ איז שוין געוואָרן פינצטער איז די וואָלקן־שיף אָנגעקומען קײן אַמסטערדאַם און געבראַכט דאָס אינגעלע פּידלדאַם צום בוים לעבן זײַן הויז.

— „אַ דאַנק דיר, טײַערער וואָלקן, פאַר דער שײנער רײַזע צו מײַן פרײַנט! אַ גוטע נאַכט!“

— „אַ גוטע נאַכט דיר, ליבער אינגל“, האָט דער וואָלקן געזאָגט, „שלאָף געזונט!“

פּידלדאַם איז אַ מידער אַרײַן צו זיך אין צימער טאַקע דורכן פענצטער און איז גלײַך אײַנגעשלאָפן.

אויף מאָרגן האָט פּידלדאַם דערצײלט זײַן פּאַפּאַן וועגן דער וואונדערלעכער וואָלקן־שיף און זײַן רײַזע קײן ראָטערדאַם צו זען זײַן חבר טידלדאַם. דעם פּאַפּאַ׳ן איז זײער געפעלן געוואָרן די מעשה און ער האָט געזאָגט:

— „עס איז זײער אַ שײנע מעשה, מײַן קינד, אַז דו וועסט האָבן נאָך אַזאַ מעשה, זאָלסטו מיר אויך דערצײלן.“